שנה ד'
נומער 187
פרשת כי תצא
תשפ"ג

# קרית ברסלב בלעטל



סיום הש"ס פון הילד
נחמן נתן האלפערן
נרו יאיר - מוצאי
שבת שופטים
תשפ"ג

סיום הש"ס פון
הילד אלי' לאנדא
נרו יאיר - ראש
חודש אלול
תשפ"ג



תלמוד תורה
היכל הקודש
בני ברק עפענט
אירע טויערן

## 21 טעג צו אומאן ראש השנה תשפ"ד


שטעטל נייעס
געהויבענע ברית
ביי איניקל פון
ראש ישיבה
4


וועלטליכע נייעס
ווילדע פייערן אין
שטאט האוואי
3



געדאנקען
ברוינע אוואקאדא
10


שטעטל נייעס
נייע תלמוד תורה
בנין אין שטעטל
7


די אידישע שטוב
התבודדות פאר
די אידישע מאמע
28


מיט א טיפערן בליק
ווער געוואונט?
14



# קרית ברסלב בלעטל

רעדאקציע:

**מרדכי אינדיג, אברהם משה שטראססער, משה ארי' שניטצלער, אברהם הערש וועבערמאן, ישראל דוד העסקעל, אברהם יצחק אייזנער, שמואל בער שניטצלער, מ. פאפנהיים, ר. ראטענבערג. ל. שיינער. ח. ש.**

צו באקומען די וועכנטליכע קרית ברסלב בלעטל אפגעשיקט צו אייער טיר רופט:
**718.387.2691**
subscribe@kerenhadfusa.org
לקבלת הקרית ברסלב בלעטל דרך הדואר בארץ ישראל התקשרו:
077-530-9648

צו באקומען די וועכנטליכע קרית ברסלב בלעטל אויף אימעיל שיקט א אימעיל צו
chizikyomi@rabbiroth.org

צו אדווערטייזן אדער ארייצושיקן א מעסעדזש צו די רעדאקציע
בריוו אדער הגהות רופט: 845.379.1161
136-Huschke Rd Hurleyville NY 12747
breslevofficeliberty@gmail.com

**קול ברסלב: 212.444.9191**
**חיזוק פאר די אידישע שטוב: 212.444.9169**


## זמנים Liberty
כי תצא ט' אלול תשפ"ג

הדלקת הנרות.........07:25
מוצאי שבת ............08:54

**מנחה מעריב כי תבא לאומאן ... 08:30**

## וועטער

| | | |
|---|---|---|
| Fri 25 | 73°/59° | Scattered Thunderstorms |
| Sat 26 | 70°/51° | Few Showers |
| Sun 27 | 68°/50° | Partly Cloudy |
| Mon 28 | 70°/51° | Mostly Sunny |
| Tue 29 | 71°/53° | PM Showers |
| Wed 30 | 73°/55° | Mostly Sunny |
| Thu 31 | 72°/53° | Mostly Sunny |
| Fri 01 | 73°/55° | Partly Cloudy |

געדענקט וואס דער הייליגער רבי זאגט
**די וועטער מבינים ווייסן נישט אל"ץ ריכטיג די וועטער וואס גייט זיין**
שיחות הר"ן רכ"א


## מזל טוב!

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

**מו"ה יעקב לעזער הי"ו**
**וזוגתו שרה תחי'**

**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך נחת פון דעם קינד און אלע קינדער געזונטערהייט.

## מזל טוב!

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

**מו"ה מרדכי אינדיג שליט"א**
**וזוגתו מלכה תחי'**

**צו ם שידוך פון שליסן פון א טאכטער למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך נחת פון דעם קינד און אלע קינדער געזונטערהייט.

# וועלטליכע נייעס



## ווילדע פייערן פארברענען די שטאט מאווי אין האוואי

טויזנטער איינוואוינער אויפן אינזל מאווי אין אמעריקע זענען געבליבן היימלאז, טויזנטער הייזער און ביזנעסער זענען ארויף מיט'ן רויך, איינוואוינער פונעם אינזל פארציילן ווי דער פייער איז פלוצלונג אנגעקומען, און ווי זיי האבן זיך ממש געפלאגט צו אנטלויפן פון די פלאמען וועלכע זענען געטריבן געווארן פון די שטורמישע שטארקע ווינטן וועלכע האבן דאן געבלאזן.

דער פייער האט אומגעברענגט אמווייניגסטענס 100 מענטשן, און האט איבערגעלאזט צענדליגע טויזנטע היימלאז, און נאך הונדערטע ווערן נאך געזוכט. די רעגירונג זאגט אז דאס איז די מערסט טויטליכסטע ווילדע פייער אין די היסטאריע פון די שטאט. דער פייער האט איבערגעלאזט א שרעקליכע חורבן אין די גאנצע שטאט, און די שאדענס ווערן ערווארטעט צו גרייכן אין די הויכע ביליאנען.

דער פייער איז געלאפן אויפן באפעל פונעם אויבערשטן אן קיין פארשטענדליכע סדר, עס האט טיילמאל איבערגעשפרינגען

א הויז דא, א גאס דארט, און דערנאך זיך ווייטער פארשפרייט און אויפגעגעסן אלעס וואס איז געקומען אינטער אירע הענט. דער אידישער שול מיט די ספרי תורה איז בחסדי ה' אפגעשוינט געווארן, אבער ליידער זענען דא זייער אסאך אידן צווישן די וואס האבן פארלוירן זייער גאנצע האב און גוטס, און אויך צווישן די אומגעקומענע ציילן זיך עטליכע אידן השם ישמרנו.

דער אומגליק וואס איז געקומען זייער נאנט צום הייליגן יום טוב ראש השנה דערמאנט אונז דער פיוט וואס מיר זאגן מיט א מורא'דיגע פארכט אין די הייליגע טעג, "ונתנה תוקף קדושת היום, כי הוא נורא ואיום...", ווי מיר וועלן דארט ארויסברענגען אז אין די הייליגע טעג פארשרייבט דער אייבערשטער וואס עס וועט דורכגיין בפרטי פרטיות אויף יעדעם איינעם באזונדער, ווי מיר וועלן זינגען "מי, מי, במים... ומי, ומי, באש..." ווי מוהרא"ש פלעגט זאגן פארוואס גייט דער נוסח "מי, מי..." "ומי, ומי..."? ווייל צווישן די ווערטער ווערט אריינגערעכענט נאך פילע מצבים געשמאקע און שווערע וואס מען שרייבט יעצט אן פארן מענטש פארן קומענדיגן יאר.

ווען מען קוקט צוריק אויפן פארגאנגענעם יאר און מען זעט וואס מען איז אלץ אדורך, קען מען טראכטן "ווען איך וואלט געוויסט וואס איך וועל דארפן דורכגיין וואלט איך אסאך בעסער געבעטן, איך וועלט געטון מער מצוות און מעשים טובים, און געטון אלעס אויף דער וועלט אפצושרייען די שווערע גזירות".

מיט'ן אויבערשטנ'ס הילף גרייטן מיר זיך אין די טעג צו פארן צום הייליגן רבי'ן אויף ראש השנה, מיר גרייטן זיך אן מיט קאפיטלעך תהלים, אסאך תפילות, און מעשים טובים, און מיר וועלן קומען צום הייליגן רבי'ן וואס האט צוגעזאגט אז ער וועט זיין אן אדוואקאט פאר אלע וואס וועלן קומען צו אים אויף ראש השנה קיין אומאן, און דערפאר קוקן מיר אויף גארנישט און מיר פאלגן דעם הייליגן רבי'ן, און מיר וועלן זיך באטייליגן ביים הייליגן קיבוץ אויף ראש השנה, און זיכער פועל'ן א גוט געבענטשט יאר פאר זיך, פאר די קינדער, פאר די ווייב און פאר גאנץ כלל ישראל.

**מי במים ומי באש**

# שטעטל נייעס

## געהויבענע ברית ביי אייניקל פון ראש ישיבה שליט״א



פאראנגענעם דינסטאג שופטים איז פארגעקומען די ברית פון אן אייניקל ביים ראש ישיבה שליט״א ביי א זון פון זיין איידעם מו״ה נתנאל שליט״א. דער זיידע הרב רבי מרדכי אהרן מייזליש שליט״א איז געווען דער סנדק, דער ראש ישיבה שליט״א האט געזאגט די ברכות און געגעבן דעם נאמען 'יחזקאל', נאכן גרויסן זיידן דער קארלסבורגער רב זכרונו לברכה.

דער ראש ישיבה שליט״א האט געזאגט ביי די סעודה וואס ער האט געהערט פון מוהרא״ש זכותו יגן עלינו, מען וואונטשט: "כשם שנכנס לברית, כן יכנס לתורה ולחופה ולמעשים טובים", 'כשם' מיטן נאמען וואס מען האט געגעבן פארן קינד - ביים ברית, 'כן יכנס לתורה ולחופה ולמעשים' - דאס זאל אים העלפן צו לערנען און דאווענען; אזוי ווי דער הייליגער רבי רבי אלימלך פון ליזענסק זכותו יגן עלינו זאגט (נועם אלימלך, במדבר) א נאמען נאך א צדיק העלפט צו, אז דער מענטש זאל אויך זיין א צדיק, ווייל דאס וועקט אויף די ליכטיגקייט פונעם צדיק אויבן אין הימל.

דער ראש ישיבה האט פארציילט א מורא'דיגע מעשה וואס ער האט געהערט פון מוהרא״ש, דער גרויסער גאון רבי שלמה קלוגער זכר צדיק לברכה איז געווען אמאל ביי א ברית, און מען האט זיך דארט זייער פארזוימט, האט ער געפרעגט: "וואס ווארט מען?" האט מען אים געזאגט אז דער טאטע פונעם קינד גוסס'ט און מען ווארט אז ער זאל שטארבן כדי מען זאל קענען געבן א נאמען פארן קינד נאך זיין טאטע.

האט דער גרויסער גאון געזאגט: "איך פארשטיי נישט וואס מיט ענק גייט פאר, מאכט שוין דעם ברית, אזוי וועט אליהו הנביא קומען צו גיין און מען וועט אויסבעטן פאר די חולה ער זאל האבן א רפואה שלימה". וכך הוה, מען האט געמאכט די ברית און מען האט גע'פועל'ט א רפואה פארן טאטן פונעם רך הנימול, ביז דריי טעג איז ער שוין געגאנגען אויף זיינע פיס; זעט מען דאס גרויסקייט פון זיין ביי א ברית.

דער ראש ישיבה שליט״א האט ווייטער געזאגט אז אליהו הנביא קומט צו יעדן ברית און מען קען פועל'ן גרויסע ישועות, און אלע וואס זענען ביים ברית - איז מען מוחל אלע עבירות. אפילו מען זעט נישט אליהו הנביא, דארף מען וויסן - אז גלייבן איז מער ווי זען, אז מען גלייבט אז אליהו הנביא געפינט זיך ביי א ברית איז דאס נאכמער ווי זען.

מוהרא״ש האט דערציילט, דער הייליגער נודע ביהודה זכותו יגן עלינו האט איינמאל פסח ביים סדר נאך 'שפוך חמתך' - אראפבאגלייט אליהו הנביא ביזן גאס און אים באגריסט: "גוט יום טוב!" ווען ער איז צוריק געקומען צום סדר האט ער געזאגט: "איר מיינט איך האב געזען אליהו הנביא, דעריבער בין איך געגאנגען באגלייטן? איך וועל ענק זאגן, איך האב אים נישט געזען און דאך בין איך אים געגאנגען באגלייטן, ווייל איך גלייב אז ער איז דא, און גלייבן איז נאך מער פון זען".

מען האט אויך געהערט פאסיגע ווערטער פון די אנדערע זיידעס און עלטער זיידעס שליט״א הגה״צ ר' מרדכי אהרן מייזליש שליט״א, הרה״ח ר' אברהם חיים פארקאש שליט״א און הר״ר יואל פארקאש שליט״א וואס האבן געזאגט פאסיגע דברי תורה וברכה.

דער זיידע דער קארלסבורגער רב שליט״א האט זיך באטייליגט מריחוק מקום וקירוב הלב זייענדיג אין מירון ביי רבי שמעון בר יוחאי, וואו ער וויילט אלע יארן פון נאך תשעה באב ביז א' סליחות, און גרייט זיך דארט פאר די הייליגע טעג.

דער אייבערשטער זאל העלפן, זה הקטן גדול יהי', כשם שנכנס לברית כן יכנס לתורה ולחופה ולמעשים טובים, און אלע זאלן זען נחת ביי די אייגענע קינדער.

# שטעטל נייעס

## פרישע פלענער פאר א נייע בנין התלמוד תורה



אין די טעג הערט מען גאר פריידיגע נייעס פון די הנהלת המוסדות, אז מען ארבעט אויף א נייע תלמוד תורה בנין, נאכדעם וואס די ערשטע צוויי בנינים איז שוין ברוך השם אויסגעוואקסן, און עס איז שוין נישט דא קיין פלאץ אריינצולייגן נאך קינדער קע"ה.

א שטיק צייט צוריק האט מען געהאט געמאלדן פון א פלאן צו איבערבויען דעם בנין אויף מעין סטריט, און עס אהערשטעלן פאר א חדר, אבער דאס איז געווארן אפגעשטעלט צוליב דעם וואס מען האט געזען אז מען וועט דארפן אריינלייגן צופיל געלט צו מאכן לעגאל דעם בנין. יעדע קאמערציאלע בנין דארף האבן א ספרינקלער סיסטעם אויף א פאל ווען עס מאכט זיך לא עלינו א פייער, און כדי דאס צו קענען האבן האט מען געדארפט גראבן אינטער א סטעיט ראוד, וואס דאס וואלט געברענגט גאר אסאך שוועריקייטן, און עס וואלט אריינגעשלעפט אין גאר גרויסע סכומים פון אפאר הונדערט טויזענט דאלער, במילא האט דער ראש ישיבה צוזאמען מיט די הנהלה געלייגט דעם גאנצן פלאן אין א זייט, און אנגעהויבן ארבעטן אויף פרישע פלענער.

במשך דעם גאנצן צייט האט מען שטענדיג געבעטן דעם אייבערשטן מען זאל טרעפן א פאסיגע פלאץ פארן תלמוד תורה, אויך האט דער ראש ישיבה פארציילט פאר אנשי שלומינו אז מען ארבעט גאר שווער אויף אלע פראנטן צו טרעפן א בנין, וואס דאס האט אויך געברענגט אז אנשי שלומינו זאל ארויסהעלפן מיט תפילות מען זאל טרעפן א פאסיגע פלאץ.

ברוך השם יעצט הערט מען די פריידיגע נייעס אז מען האט אנגעהויבן צו ארבעטן אויף פלענער צו בויען א נייע הערליכע גרויסע בנין אויף די שטח המוסדותביים ווינקל פון דענמען אויפן ראוד 52. די שטח איז גרויס 50 אקער (צו פארשטיין וואס באדייט 50 אקער, דאס איז צוויי מיליאן סקווער פיס) און אויף דעם שטח וועט מען מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף בויען א בנין פון 20 טויזענט סקווער פיס, עס וועט זיין פלאץ פאר בערך צוויי טויזענט קינדער.

די מעלה פון בויען אויף דעם שטח איז אז מען קען שטענדיג צובויען ווען עס פעלט אויס, און אזוי אויך וועט זיין אסאך פלאץ פאר די קינדער צו שפילן אינדרויסן ארום דעם בנין.

לויט די יעצטיגע פלענער וועט די בנין זיין צוויי שטאקן, עס וועט ווערן געבויעט אויף א וועג מען זאל נאך קענען ארויפציען נאך שטאקן ווען עס פעלט אויס. עס וועט אנטהאלטן א ריזיגע עס זאל פון 6 טויזענט סקווער פיס, וואס דאס וועט אויך קענען ווערן גענוצט פאר מעמדות אין די קהילה ווען עס פעלט זיך אויס.

עס איז וויכטיג אנצומערקען אז דער שטח איז געווארן געקויפט מיט די געלט וואס אנשי שלומינו צאלן אין ביים קויפן א דירה אין שטעטל.

יעצט ארבעט מען אהערצושטעלן א ריזיגע סוער פלענט וואס גייט זיין אהערגעשטעלט פאר טאפלט פון וויפעל קינדער עס גייט אריין אין דעם בנין.

בלייבט נאר איבער פאר אונז צו בעטן דעם אייבערשטן אז אלע פלענער זאל זיך אויסארבעטן צום גוטן, און מען זאל שוין בקרוב קענען אנהייבן די גרוב ארבעט און בקרוב אנהייבן נוצן דעם בנין, וואס דער בנין וועט ווערן גענוצט אריינצולייגן אין די קינדער די ריינע אמונה אינעם אייבערשטן, און די געשמאק צו תורה ומצוות אויף די וועג וויאזוי דער ראש ישיבה חזר'ט מיט אונז שטענדיג.

**דער הייליגער רבי' האט געזאגט (שיחות הר"ן, סימן רט): "אייערע קינדער זאלט איר מודיע זיין וואס דא האט זיך גיטאן".**

# מעשיות פון תפילה



## הערשל בוים - קרית ברסלב:

איך האב געדארפט באצאלן די טיקעט קיין אומאן, איך האב נישט געהאט די געלט, וואס טוט מען דא? האב איך געבעטן דעם אייבערשטן יעדן טאג איך זאל קענען באצאלן די טיקעט צייטליך כדי נישט צו פארלירן מיין טיקעט און אויך איך זאל נישט דארפן צאלן מער געלט.

פארגאנגענעם זונטאג קלינגט מיר אן א אינגערמאן ער וויל מיר געבן א גרויסן סכום פון געלט... איך ווייס נישט פארוואס עס האט אים אנגעכאפט אינמיטן א גרינעם זונטאג מיר צו רופן געבן געלט, אבער תפילה איז העכער די טבע. ברוך השם מיט די געלט האב איך געקענט באצאלן די טיקעט קיין אומאן.

שכח אייבערשטער

## אלחנן זויבערמאן - צפת:

א) מיין ווייב האט געהאט אן אפוינטמענט אין ירושלים מיטוואך מיטאג, איך האב געוואלט זיין שבת אין ירושלים, האב איך געוואלט שוין ארויספארן מיטוואך צופרי און בלייבן ביז שבת, נו, אז מיין דירה איז ליידיג קען איך דאך עס פארדינגען, האב איך געבעטן דעם אייבערשטן אז איינער זאל עס וועלן.

איך בין ארויסגעפארן קיין ירושלים אבער קיינער האט נאכנישט געדינגען מיין דירה, האב איך געבעטן דעם אייבערשטן און איבער געלאזט א שליסל אין א באהאלטענע פלאץ.

אויפן וועג קיין ירושלים האט מיר איינער געקלינגען פרעגן אויב מ'קען דינגען מיין דירה פון יעצט ביז נאך שבת

ב) איין טאג נאכמיטאג האט זיך די לעקטער אין די בנין וואו איך וואוין זיך אפגעהאקט, מיר האט דאס נישט אזוי געבאדערט און איך האב אפילו נישט געטראכט צו בעטן דעם אייבערשטן, ווייל איך האב געוואוסט אז באלד וועט

מן הסתם די שטאט קומען פאררעכטן די פראבלעם און ס'וועט ווייטער זיין לעקטער.

למעשה האב איך געזען אז די צייט רוקט זיך און ס'איז נישטא קיין זכר פון קיין לעקטער, האב איך מיך געכאפט אז דער אייבערשטער ווארט אויף מיין תפילות, האב איך געבעטן א קליין תפילה פארן אייבערשטן "אייבערשטער העלף די לעקטער זאל ווייטער ארבעטן ווי נארמאל". און וואונדער איבער וואונדער ס'גייט נישט אריבער 60 סקונדעס און די לעקטער האט זיך צוריק אנגעצינדן כאילו עס וואלט גארנישט געווען.

שכח הייליגע באשעפער

## ברוך נויסבוים - בני ברק:

לקראת די יומא דהילולא קדישא פון הייליגן בעלזער רב זכותו יגן עלינו, האב איך געהאט גרויס חשק צו פארן צום הייליגן ציון אויפן הר המנוחות אין ירושלים. איך האב געבעטן דעם אייבערשטן אז איך זאל קענען האבן א גוטע וועג קיין ירושלים, למעשה האט דער אייבערשטער געפירט אז איך האב געהאט א משפחה שמחה אין ירושלים אין דעם זעלבן טאג.

למעשה האב איך געדארפט א וועג פונעם זאל ביז הר המנוחות, האב איך געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל האב א וועג אהין. ביים חתונה האב איך פארציילט פאר מיין טאטע שליט"א אז איך האב גרויס חשק צו פארן צום ציון, און איך ווייס נישט ווי אזוי אנצוקומען אהין.

איך בין ארויס פון די חתונה און איך בעט אזוי דעם אייבערשטן פאר א וועג, רופן מיר מיינע עלטערן אריין און זאגן מיר אז זיי ווילן אויכעט גיין צום ציון, זיי וועלן נעמען א טעקסי ביזן ציון.

שכח אייבערשטער פארן צוהערן מיינע תפילות.

# א בריוו

## פונעם ראש ישיבה שליט״א

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, י״א אֱלוּל, שְׁנַת תשע״ו לִפְרָט קָטָן**

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

פוּן הַיינְט צְוֵויי וָואכְן פָּארְן מִיר שׁוֹין צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן אוֹיף ׳רֹאשׁ הַשָּׁנָה׳; דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: ״וָואס זָאל אִיךְ אַייךְ זָאגְן קַיין גְרֶעסֶערְס פוּן דֶעם אִיז נִישְׁט פַּארְהַאנֶען, אֵיי אַנְדֶערֶע צַדִּיקִים זָאגְן נִישְׁט אַזוֹי? אִיז נָאךְ אַ קַשְׁיָא״. דָאס הֵייסְט עֶס אִיז דָאךְ שׁוֹין דָא אַסַאךְ קַשְׁיוֹת אוֹיפְן רֶבִּי׳ן, וֶועט זַיין נָאךְ אַ קַשְׁיָא.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן ח״ב, סִימָן נב) עֶס מוּז זַיין קַשְׁיוֹת אוֹיף אַ צַדִּיק, נָאר וואוּיל אִיז דֶעם וָואס הָאט נִישְׁט קַיין קַשְׁיוֹת אוּן פָאלְגְט בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת; וָואס זָאלְן מִיר טוּן אַז עֶס אִיז דָא מַחֲלֹקֶת אוֹיפְן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, וָואס זָאלְן מִיר טוּן אַז **יֶעדֶער חָסִיד קֶען טוּן וָואס עֶר וִויל**, עֶר קֶען פָּארְן פַאר עֶטְלִיכֶע וָואכְן צוּ זַיין רֶבִּי, וְאֵין פּוֹצֶה פֶּה - קֵיינֶער זָאגְט גָארְנִישְׁט, וָואס זָאלְן מִיר טוּן אַז **יֶעדֶער חָסִיד קֶען גֶעבְן אַ נָאמֶען פַאר זַיין קִינְד נָאךְ זַיין רֶבִּי׳ס גֶזַע**, אָבֶער מִיר טָארְן נִישְׁט גֶעבְן אַ נָאמֶען פַאר אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער נָאךְ אֱמֶתְ׳עֶ צַדִּיקִים וָואס הָאבְן זִיךְ מַפְקִיר גֶעוֶוען זֵייעֶר לֶעבְן פַאר׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דָאס אִיז וָואס דִי חֲזַ״ל זָאגְן (תַּנְחוּמָא כִּי תֵצֵא) **״שֶׁהָיָה עֲמָלֵק חוֹתֵךְ זְנָבוֹת וְזוֹרְקָם כְּלַפֵּי מַעְלָה״**, עֲמָלֵק נֶעמְט ׳זְנָבוֹת׳ - וֵויידְלֶעךְ, דָאס הֵייסְט מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען אַזוֹי וִוי אַ וֵויידְל, פָּשׁוּטְ׳עֶ מֶענְטְשְׁן, **׳וְזוֹרְקָם כְּלַפֵּי מַעְלָה׳**, אוּן עֶר וַוארְפְט זֵיי אַרוֹיף, עֶר מַאכְט זֵיי פַאר גְרוֹיסֶע רֶבִּי׳ס וְכוּ׳, אוּן דִי אֱמֶתְ׳עֶ צַדִּיקִים, דִי אֱמֶתְ׳עֶ עֶרְלִיכֶע אִידְן, זֵיי מַאכְט עֶר אַז מֶען זָאל זֵיי אַרָאפּ קוּקְן.

עֶס רַייסְט מִיר דִי הַארְץ וֶוען אִיךְ הֶער פוּן תַּלְמִידִים וִוי זֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן ווִילְן נִישְׁט רֶעדְן מִיט זֵיי, זֵיי הַאקְן אָפּ אוּן הֶעצְן אוֹיף דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה קֶעגְן זֵיי, וֶוען זֵייעֶר אֵיינְצִיגְסְטֶער חֵטְא אִיז אַז זֵיי קוּמֶען אוֹיף אוּמַאן אָדֶער ווַייל זֵיי שִׁיקְן זֵייעֶרֶע קִינְדֶער אִין בְּרֶסְלֶב; **וָואס אִיז אוּנְזֶער עֲבֵירָה אַז מֶען דַארְף אוּנְז אַזוֹי מְרַחֵק זַיין?!** וָואס וִויל שׁוֹין דֶער רֶבִּי פוּן אוּנְז?! נָאר אַז מִיר זָאלְן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן מִיר זָאלְן טְרַאכְטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אוּן אַז מִיר זָאלְן לֶעבְן דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט אִין ׳גַן עֵדֶן׳. אֵיי פַארְוָואס דַארְף דָאס קוּמֶען מִיט אַזוֹיפִיל שִׁבְרֵי לֵב?! נָאר דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: ״אִיךְ הָאבּ אַ כֹּחַ אַרָאפְּצוּנֶעמֶען פוּן מִיר אַלֶע מַחֲלֹקֶת, אוּן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט זָאל קוּמֶען צוּ מִיר אוּן שְׁרֵייעֶן **׳יְחִי אֲדוֹנֵינוּ מוֹרֵנוּ וְרַבֵּנוּ׳**, נָאר עֶס אִיז דָא פְּלֶעצֶער וואוּ מֶען קֶען נִישְׁט אָנְקוּמֶען נָאר דוּרְךְ ׳בִּזְיוֹנוֹת׳.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר קוּק נִישְׁט אוֹיף קֵיינֶעם, נָאר קוּק אוֹיף דִיר, זֶע וָואס דֶער רֶבִּי גֶעבְּט דִיר, אַזוֹי וֶועסְטוּ נִישְׁט וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן.

**אַ גוּטְן טָאג.**



# א שיחה פון דער ראש ישיבה שליט״א

# אוּמַאן רֹאשׁ הַשָּׁנָה

## חֵלֶק ה׳

**אַ אִינְגֶערְמַאן הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶערֶעדְט אַז מֶען וִויל נִישְׁט אִין שְׁטוּבּ עֶר זָאל פָארְן קַיין אוּמַאן, הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה גֶעזָאגְט:** מוהרא״ש פלעגט אייביג זאגן פאר אינגעלייט וואס פלעגן זיך אפרעדן אז זייער ווייב וויל נישט אז זיי זאלן פארן, אז ווען א אינגערמאן פירט זיך אויף א גאנץ יאר אזוי ווי דער רבי האט געוואלט, ער איז אין שטוב און ער העלפט זיין ווייב, ער פארברענגט מיט איר און איז איר מכבד, ער זוכט נישט ווי ער קען פטור ווערן פון איר יעדע נאכט, און ער פארברענגט נישט מיט חברים ביינאכט, דאן וועט זיין ווייב נישט נאר אים לאזן פארן נאר זי וועט אים העלפן ער זאל פארן צום רבי׳ן, אזוי ווי די פרויען פון ׳היכל הקודש׳ טוען, ווייל אז זי זעט ווי אזוי איר מאן פירט זיך אויף און זי ווייסט גאנץ גוט אז נישט יעדע מאן פירט זיך אויף אזוי, און זיין גאנצע התנהגות קומט פון רבי׳ן, וועט זי אים טרייבן און זאגן: ״פאר צו דעם רבי׳ן וואס לערנט דיך אויס א וועג ווי אזוי צו לעבן א גוטע לעבן, און ער האט געהייסן קומען צו אים״.

אמאל האט איינער געזאגט פארן רבי׳ן אז עס איז אים שווער צו קומען אויף ראש השנה, ווייל ער האט נישט וואו צו עסן און ער האט נישט קיין געהעריגע פלאץ וואו צו שלאפן, א צווייטער האט זיך אפגערעדט פארן רבי׳ן אז ער קען נישט געהעריג דאווענען ווען ער קומט קיין אומאן אויף ראש השנה, האט דער רבי געזאגט מיט דעם לשון: ״יא עסן - נישט עסן, יא שלאפן - נישט שלאפן, יא דאווענען - נישט דאווענען, דער עיקר אז מען זאל זיין ביי מיר אויף ראש השנה״.

(מכתב ב׳ כי תצא, שנת תשע״ו)




# ברוינע אוועקאדאו

משה אורי׳ שניטצלער

איך בין שולדיג הכרת הטוב פאר אסאך ערליכע אידן. איינס פון די ערליכע אידן וואו איך בין געגאנגען איז געווען כ״ק אדמו״ר מ׳ספינקא זכותו יגן עלינו (אדמו״ר ר׳ שמואל צבי זכרונו לברכה׳, זיין יארצייט איז געווען פארגאנגענע וואך כ״ז אב) איך פלעג ווערן זייער איבערגענומען ביי זיין שולחן הטהור פרייטאג צו נאכטס און איך ביי שלש סעודות.

ווען מ׳האט גערעדט מיין שידוך, עטליכע טעג פאר איך בין געווארן א חתן אין א גוטע שעה, ברוך השם, ס׳איז געווען אין א מיטוואך, זאגט מען מיר ביי מיין טאטן אינדערהיים, אז מ׳גייט מיך זען דעם מוצאי שבת קודש, וועגן א שידוך.

יענעם שבת בין איך געווען אין בארא פארק פארברענגען מיט מיינע חברים. דאס האב איך שוין געפלאנט סיי ווי סיי, נאך פאר מ׳האט געשמועסט אז מ׳גייט מיך זען מוצאי שבת קודש.

מוצאי שבת בין איך געגאנגען מיט מיינע עלטערן צו די דירה וואו מיין ברודער האט געוואוינט אויף העיווארד סטריט. ס׳איז געווען זייער שיינע שמועסן. אינמיטן איז אויסגעקומען אז מ׳האט גערעדט פון מיין זיידן, טשאבע׳ר רב פון לאנדאן זכרונו לברכה, און מ׳האט געשמועסט אז מיט לאנגע יארן פריער איז ער געווען אויף א באזוך אין וויליאמסבורג, און איין שבת צופרי׳ האט ער געדאוונט אין פאפא בית המדרש, און געמאכט אן אפיעל פאר זיין כולל אין לאנדאן.

אז דער אייבערשטער וויל א שידוך זאל ווערן, וועט דער אייבערשטער מאכן אז מ׳זאל זען לויטער מעלות...... פלוצלונג געבט איך מיך א רוף אן, איך געדענקן וואס דער זיידע האט גע׳דרשנ׳ט ביים אפיעל..... א מסורה, הרומות׳ קולי, איך מוז אויפהייבן מיין קול אז מ׳זאל וויסן, אז הרימותי בחור מעם, איך מוז אויסהאלטן א כולל אין לאנדאן פון אויסדערוועלטע טייערע אינגעלייט, הרימותי ידי, מוז איך אויפהייבן מיין הענט, אויסשטרעקן מיין הענט, בעטן נדבות פון דעם עולם, אויסצוהאלטן דעם כולל.....

דאס האט דער אייבערשטער אזוי וואונדערליך געמאכט אז דער בחור וואס מ׳רעדט דעם שידוך זאל אויסזען אזוי געלונגען..... אז דער שידוך זאל צ׳ען...... פשי הא!! פשי הא!! ער געדענק א טייטשעלע פון לאנגע יארן פריער.......

זונטאג האט זיך עס אנגעהויבן צו פירן גאר ערנסט, און מ׳האט גערעדט אז היינט נאכט וועט זיין לחיים..... איך האב געגעבן א זאג פאר מיין טאטן, אפשר זאל מען ווארטן א טאג צוויי..... מיין טאטן האט עס ווי געטון, אן אפרוח שלא נפתחו עיניו! און ער האט א מיינונג אין שידוכים! אוי ווי גערעכט מיין טאטע איז געווען..... א גוטע געלונגענע שידוך און דער קליינער טוטער פימפערנוטער פארשטייט אז מ׳דארף ווארטן......

אבער איך האב דאך נישט געלערנט אין ברסלב...... כ׳האב נישט פארשטאנען די גאנצע זאך פון לויפן צו א שידוך..... וואס איז שלעכט נאך א יאר צוויי...... און איך פרעג מיין טאטן וואס איז שלעכט מארגן?! און מיין טאטע איז מיר מסביר אז ס׳גייט נישט אזוי.... א שידוך קען מען פארשפילן אין איין מינוט, ובפרט ווען מ׳רעדט פון א גוטע זאך, וואו האסטו גענומען אזא נארישע זאך פון לאזן א גוטע שידוךווארטן?!

בקיצור, ווי קרוכט מען ארויס פון די סומאטאכע? געט מיין טאטע א זאג, גיי אריבער צו סיי וועלכע רב, און וואס דער רב וועט זאגן, דאס וועט מען טון.

בין איך אריבער צום ספינקער רבי׳ן זכרונו לברכה, זיין סבלנות און געדולד אויסצוהערן מענטשן האט דאך געהאט אלע חן. מ׳דארף וויסן אז ער פלעגט אויסהערן מענטשן וואס ס׳איז נישט געווען קיין הוה אמינא בעולם אז דער מענטש גייט אמאל שטיין אויף די ספינקא ברעגטשעס, ס׳איז געווען סתם העלפן אידן, נישט ווייל איך גיי פארדינען דערפון.

איך זאג פאר׳ן ספינקער רבי׳ן אז מ׳רעדט ערנסט א שידוך, א גוטע שידוך, א פאסיגע שידוך, ביידע צדדים זענען ערנסט צו גומר זיין בכי טוב, אבער איך וויל נאך ווארטן א טאג צוויי. זעט אויס אז ער האט גלייך פארשטאנען אז דער צדיק׳ל דינן האט אים קיינער נישט געזאגט אז די תורה הייסט חתונה האבן.

איך בין שוין געווען דאן אריבער די צוואנציג, מיט א גליטשיק אריבער, אבער אונזער מצוין׳דל איז געווען פון די וואס פארשטייען נישט "וואו יאגט מען זיך?"

דער ספינקער רבי׳ האט מיר געגעבן א הערליכע שמועס פון די ענין פון תמימות, איך קען נישט פארגעסן ווי ער האט מיר געזאגט דעם פסוק תמים תהי׳ עם השם אלקיך, מיט זיינע ליבליכע פאטערליכע שמייכעלדיגע לעכטיגע אויגן האט ער מיר געזאגט די רש"י אויף דעם פסוק, התהלך עמו בתמימות ותצפה לו, ולא תחקור אחר העתידות. ס׳איז געווען באלזאם אויף מיין יונגע אומוויסנדע זעל.

למעשה האט ער געכאפט מיין הארץ. ווי נאר עס האט זיך געענדיגט מיין פיר פינעף מינוטיגע שמועס מיט׳ן ספינקער רבי׳ן, האב איך געפילט א נייע זיכערקייט, א נייע קלארקייט, איך ווייס שוין יעצט וואס מ׳באדארף צו טון. יענע נאכט בין איך געווארן א חתן בשעה טובה ומוצלחת. שכח אייבערשטער פאר מיין שיינע לעבן. די זכרון דברים וואס איך דערצייל פון ספינקער רבי׳ן זאל זיין לעילוי נשמתו.



אז מ׳רעדט שוין פון שידוכים, לעצטנס האב איך געטראפן א חבר מיינס, ער האט אנגעהויבן צו רעדן צו מיר פון שידוכים, ער זאגט מיר אז ער הערט אז ס׳איז שרעקליך אין ברסלב, ממש ס׳גייט נישט קיין שידוכים, און מ׳מאכט שידוכים גאר פרי׳... נאך פאר דער בחור האט זיך דערלערנט די זאך פון שטופן צוועלף שעה א טאג פאר צוועלף חדשים, ביז ער באקומט א כתב תעודה פון "חברת הבטלה מביאה לידי שעמום שעל ידי ישיבתינו הקדושה והטהורה העומדת תחת נשיאות רבינו הגדול והנורא המלאה הפסוחה הגדושה והרוחה שלא נבוש ולא נכלם".

אז איך זע ווי מיין חבר שימפט און שעלט אז און ברסלב גייט "נישט" קיין שידוכים און ס׳גייט "יא" שידוכים גאר פרי, פרעג איך אים און וויאזוי גייט עס ביי דיר מיט שידוכים? זאגט ער ס׳איז בערך ווי די קאדע (ביי אונז זאגט מען נישט אוועקאדאו, נאר קאדאו, פשוט, מ׳סעיווד זיך די צייט.....)

ס׳הייסט?

פשוט! אמאל האט ער געוואלט אנהייבן עסן געזונטע עסן, האט ער שטודירט אלע געזונטע עסן, סעלמאן פיש, בענענע, בלובערי, מילגרוים, טשיקן זופ, סוויט פעטעיטע, קאדאו און אזוי ווייטער.

ווען ס׳איז געקומען צו די קאדאו האט ער געקויפט דעם ניו יארק טיימס בעסט סעלער ביכעלע "א קורצע וועגווייזער וויאזוי צו קויפן אוואקאדא׳ס".



נאכ׳ן קויפן דעם ביכעלע האט זיך ארויסגעשטעלט אז ער האט א פנים ווי די וואס גייען צו טעראפיסטן, טייער באצאלט און באקומען א פייג.

נישט סתם א פייג, נאר א גרויסע גראבע געשוואלענע געדרייוולטע געפרעגלטע פייג.

די וואקאדאו ביכל האט אים אויסגעלערנט דעם סוד אז מ׳קויפט א וואקאדאו וואס איז אנגאנצן הארט. דעם ערשטן טאג קען מען עס נישט נוצן, דעם צווייטן טאג אויך נישט, דעם דריטן טאג אויך נישט, דעם אנדערן טאג אינדערפרי איז שוין דערנאך! פארפאסט!

אקוראט אזוי גייט עס מיט שידוכים..... מ׳טראגט אן א שידוך פאר׳ן בחור׳ס צד, די טאכטער פון משה׳לע ווייס (כ׳רעד יעצט פון א "נארמאלער", נישט ברסלב, "נארמאלע" חובות, "נארמאלע" פינעף זינגערס ביי א חתונה פון א "נארמאלע" בעל חוב פון א פערטל מיליאן דאלער) זאגט דער טאטע, ער איז נאך זיבעצן א האלב, נישטא וואס צו רעדן.

א האלב יאר שפעטער, די טאכטער פון יענקעלע וויינבערגער קומט נישט און באטראכט!

א האלב יאר שפעטער, די טאכטער פון שימעלע ווערצבערגער, ס׳איז יאנטשי צו מאכן א שידוך ביי אכצן א האלב.

א האלב יאר שפעטער, מ׳טראגט אן די טאכטער פון יעקב דוד אויגנשפרעכער (זיין זיידע אין דער אלטער היים האט געהייסן אויגעלעכאפשפרעכער, על שם וואס ער איז געוועזן א אפשפרעכער פון א גוטע אויגעלע און אויך א גנב, פארשטייט זיך, ס׳איז דאך איינס און דער זעלבער, אזוי ווי מים אחרונים וואסער. די אייניקלעך האבן נישט געוואלט מ׳זאל וויסן פון די גניבה וגזילה ועשיקה וואס ליגט אונטער די אפשפרעכעריי פון די חשוב׳ע דערהויבענע משפחה האבן זיי געטוישט די נאמען אויף אויגנשפרעכער, יעצט גייט שוין קיינער נישט וויסן אז דער זיידע דער אפשפרעכער איז געווען א קאלטבלוטיגער געמאכטער מקובל וואס האט געלאכט פון אידישע צרות).

גלייך אטאקירט מען דעם שדכן, דעם טראגסטו מיר אן?! שעם דיך! מיין זיידע איז דאך געווען דער ערשטער וואסער טרעגער אין דער אלטער היים אין הוידא-סמייטע! מיר נוצן נאך יעדן חמשה עשר בשבט די אמפער וואס דער זיידעכרוינע לברכה האט גענוצט ביים וואסער שלעפן! מיר נוצן עס אויף אריינצוברענגען די באקסער צום חמשה עשר טיש! און מיר דערמאנען זיך אינעם זיידעכרוינע לברכה, און עס גיסט פון אונזערע אויגן אזויפיל טרערן פון בענקעניש צום זיידעכרוינע לברכה ביז דער אמפער ווערט פול פון די געמיש פון טרערן און באקסער און דו דערוואגסט זיך צו אנטראגן אזא שידוך?!

א האלב יאר שפעטער, דער "נארמאלער" בחור אונזערער איז שוין נײנצן און א האלב, די טעלעפאון קלינגט שוין עטוואס ווייניגער, די שדכנים שרעקן זיך פון א קפידה פון דעם זיידנס באקסער-און-טרערעלעך אמפער.

א האלב יאר שפעטער, די מומע וואס שימפט פעך און שוועבל קעגן די ברסלב׳ע שידוכים האט ערקלערט אז דער בחור איז שוין "מעטשור", זיין קעפעלע וואס האט געפוסטעוועט פאר כמה וכמה שנים קען שוין ווערן גענוצט פאר א שטריימל-האלטער, מ׳מעג שוין מאכן א שידוך מיט א מיידל וואס קען די ניגון פון אלע פופציג קעפיטל שטעט פון די פאראייניגטע שטאטן און קען אויסרעכענען אלע מאכלים וואס נבוכדנצר האט געגעסן אויף נאכטמאל זיין גאנצע לעבן. זי איז א בקי אין תנ"ך! וואס קען זיין גליקליכער?! ממש ענבי הראזשינקע בענבי הראזשינקע!

אבער דער בחור איז שוין אזוי ווי די וואקאדא דעם פערטן טאג, דער בחור איז שוין א ברוינע צוקוועטשטע וואקאדא. קיינער וויל עס נישט. די שיינע סאמעטענע גרינע וואקאדא קאליר פון נעכטן איז נישט צום געפינען. פארפאסט!

אבער די ברסלב׳ע כאפן אפילו נישט די ברעינוואשינג וואס דא גייט פאר! מ׳מאכט דעם עולם לעבן אן חובות! מ׳קויפט פאר די קינדער הייזער אנשטאט פורניטשער! די פרויען גייען אין באזאר און קויפן קליידער פאר פינעף דאלער! שרעקליך! איום ונורא! ותוצאותיו מי ישורנו! מ׳מוז ראטעווען די ברסלב׳ע חברה פון די קולט פון נישט לעבן פאר שכנים, נאר לעבן פאר׳ן אייבערשטן. בעטן דעם אייבערשטן. דערציילן דעם אייבערשטן זאכן וואס טוט וויי. שמועסן מיט דעם אייבערשטן, אזוי ווי מ׳שמועסט מיט א גוטן פריינד.

בעזרת השם יתברך

מוסדות היכל הקודש

מיסודו של כ"ק מוהרא"ש זיע"א

בנשיאות הראש ישיבה שליט"א

# סימן טוב ומזל טוב

פון טיפן הארצן וואונטשן מיר
א הערצליכן ברכת מזל טוב
פאר ידידינו הנכבד,

## הרב יעקב לעזער שליט"א

## וזוגתחו תחי'

## לרגל די געבורט
## פון א אינגל למזל טוב

דא איז די פלאץ זיך צו באדאנקן פאר אונזער

**געטרייע איבערגעגעבענע מנהלת**

וואס גיבט זיך אוועק טאג און
נאכט, פאר די הצלחה פון יעדע
תלמידה.

דער אייבערשטער
זאל אייך באצאלן
בכפלי כפלים, מיט אלעס
גוטס וכל טוב סלה

אמן

**וואונטשן:**

טיטשערס או תלמידות בית פיגא קרית ברסלב
וויליאמסבורג, ירושלים

**הנהלת המוסדות**

# א מַעֲשֶׂה
## פון א צַדִּיק



# דִי פְלִיג דֶענֶערְוִוירְט

אַמָאל אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען אַ אִיד אַ תַּלְמוּד חָכָם צוּם גְרוֹיסְן גָאוֹן דֶער חַזוֹן אִישׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אוּן עֶר הָאט מִיט אִים אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ רֶעדְן אִין לֶערְנֶען וִוי גֶעוֶוענְדְלִיךְ.

דֶערְוַוייל אִיז אַ פְלִיג אַרוּמְגֶעפְלוֹיגְן אוֹיפְן שְׁטֶערְן פוּן דֶעם חַזוֹן אִישׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אוּן עֶס הָאט דֶענֶערְוִוירְט דֶעם תַּלְמוּד חָכָם, הָאט עֶר אַלְץ אַ פָאךְ גֶעגֶעבְּן מִיט דִי הַאנְט אַוֶועקְטְרַייבְּן דֶעם פְלִיג עֶס זָאל נִישְׁט שְׁטֶערְן דֶעם חַזוֹן אִישׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ. אוּן דֶער פְלִיג נַאטִירְלִיךְ אִיז צוּרִיקְגֶעקוּמֶען, אַזוֹי עֶטְלִיכֶע מָאל, דֶער תַּלְמוּד חָכָם הָאט עֶס מִיט דִי הַאנְט אַוֶועקְגֶעפַאכֶעט אוּן דֶער פְלִיג אִיז צוּרִיקְגֶעקוּמֶען לֵייגְן זִיךְ אוֹפְן שְׁטֶערְן פוּן חַזוֹן אִישׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אוּן עֶר אִיז זִיךְ אַזוֹי גֶעזֶעצְן רוּאִיג, אוּן דֶעם תַּלְמוּד חָכָם הָאט דָאס זֵייעֶר גֶעשְׁטֶערְט.

רוּפְט זִיךְ אָן דֶער חַזוֹן אִישׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ מִיט אַ שְׁמֵייכְל, אָט דָאס אִיז אַ רֹאשׁ הַשָּׁנָה'דִיגֶער פְלִיג. דֶער תַּלְמוּד חָכָם הָאט נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס עֶר הָאט גֶעזָאגְט, הָאט דֶער חַזוֹן אִישׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִים מַסְבִּיר גֶעוֶוען, רֹאשׁ הַשָּׁנָה הָאט מֶען שׁוֹין דַן גֶעוֶוען דֶעם מֶענְטְשׁ אוֹיף יֶעדְן קְלֵיינֶעקֵייט אוּן אֲפִילוּ דֶער פְלִיג זָאל זִיךְ אַלְץ זֶעצְן אוֹיף מַיין שְׁטֶערְן אוּן מִיךְ שְׁטֶערְן אוּן מְבַלְבֵּל זַיין, דָאס אִיז אוֹיךְ שׁוֹין נִגְזָר גֶעוָוארְן אִין רֹאשׁ הַשָּׁנָה.



אַ פַּחַד פוּן אַ מַעֲשֶׂה וִויאַזוֹי דֶער חַזוֹן אִישׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעקוּקְט אוֹיפְן לֶעבְּן, אַלֶעס מִיט אַ הַשְׁגָּחָה פְּרָטִיּוּת, וָואס אַזַא סִיפּוּר פַּאסְט פַאר דִי תַּלְמִידֵי הַבַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָדוֹשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, וִויסְן אַז יֶעדֶע קְלֵיינִיקַייט אִיז אַ הַשְׁגָּחָה פְּרָטִיּוֹת, וִויסְן אַז אַ יֶעדֶער קְלֵיינִיקַייט וָואס סְ'פִּירְט זִיךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט אִיז נָאר פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים.

וֶוען מֶען נֶעמְט דָאס אִין זִיךְ אַרַיין דֶעמָאלְט נֶעמְט מֶען אָן דֶעם לֶעבְּן אַסַאךְ גְרִינְגֶער.

(אשר בנחל אידיש תשע"ד)





# דעם הייליגן רבי'נס
# לעבנסגעשיכטע

פ א ר ז ע צ ו נ ג

- מ"ו -

**פָארְזֶעצוּנְג פוּן פְרִיעֶר:** אֵיינְמָאל הָאט דֶער רֶבִּי זִיךְ אוֹיפְגֶעטוּן פַאר ר' יוּדְל זַ"ל, וָואסֶערֶע גְרוֹיסֶער חִידוּשׁ עֶר אִיז אִין צֶעבְּרֶעכְן אַלֶע תַּאֲווֹת. דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעזָאגְט אַז דָאס אַז אַזַא יוּנְגֶער מֶענְטְשׁ - וִוי דֶער רֶבִּי אִיז דֶעמָאלְט גֶעוֶוען - זָאל זוֹכֶה זַיין אַזוֹי שְׁטַארְק אִינְגַאנְצְן צוּ צֶעבְּרֶעכְן דִי תַּאֲווֹת, אִיז אַ זַאךְ וָואס אִיז בִּכְלַל נִישְׁט פַארְהַאן.

* * *

דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעזָאגְט אַז דִי גַאנְצֶע זַאךְ פוּן עֶסְן בִּכְלַל אִיז אִים אִינְגַאנְצְן נִמְאָס גֶעוָוארְן, וֶוען עֶס קוּמְט צוּם עֶסְן אִיז אִים דָאס זֵייעֶר שְׁוֶוער. וֶוען עֶר דֶערְמַאנְט זִיךְ וָואס עֶס פַּאסִירְט שְׁפֶּעטֶער מִיטְ'ן עֶסְן, קֶען עֶר מַמָשׁ נִישְׁט אַרַיינְנֶעמֶען דָאס עֶסְן אִין מוֹיל, עֶר מוּז מַמָשׁ מֵסִיחַ דַעַת זַיין אוּן נִישְׁט טְרַאכְטְן פוּנֶעם עֶסְן, אוּן דֶערִיבֶּער רֶעדְט עֶר אַסַאךְ מָאל בַּיים עֶסְן, כְּדֵי עֶר זָאל קֶענֶען עֶפֶּעס אַרַיינְכַאפְּן צוּ עֶסְן אִינְצְוִוישְׁן אָן טְרַאכְטְן דֶערְפוּן, אַז עֶר זָאל פָּשׁוּט בְּלַייבְּן בַּיים לֶעבְּן. אוּן אִין קְדוּשָׁה אִיז דֶער רֶבִּי גֶעוֶוען גָאר שְׁטַארְק אוֹיסְגֶעאַרְבֶּעט, עֶר אִיז גֶעוֶוען גָאר אַ גְרוֹיסֶער חִידוּשׁ אִין צֶעבְּרֶעכְן אַלֶע שְׁוֶוערֶע אוּן בִּיטֶערֶע תַּאֲווֹת.



אוֹיף יֶעדְן אִיד וָואס וֶוערְט מְקוּרָב צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, גֵייט אַרִיבֶּער פִילֶע שְׁוֶועריִקייטְן, סְפֵיקוֹת, אוּן מְנִיעוֹת, מִיטְ'ן צִיל אִים אַוֶועקְצוּשְׁלֶעפְּן פוּן רֶבִּי'ן. אַזוֹי וִוי דֶער יֵצֶר הָרַע וֵוייסְט דָאךְ אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה מְקוּרָב צוּ וֶוערְן צוּם רֶבִּי'ן, אֲפִילוּ עֶר זָאל זַיין דֶער עֶרְגְסְטֶער מֶענְטְשׁ, וֶועט עֶר צוּם סוֹף זוֹכֶה זַיין אַלֶעס צוּ פַארְרֶעכְטְן אוּן אִינְגַאנְצְן צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן וֶוערְן אַן אֱמֶת'דִיגֶער עֶרְלִיכֶער אִיד, דוּרְךְ דִי גֶעוַואלְדִיגֶע עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן, אוּן זִיכֶער וֶוען אַ אִיד אַ צַדִיק וֶוערְט נִתְקָרֵב צוּם רֶבִּי'ן, וֶועט עֶר זִיכֶער שְׁטֵייגְן נָאךְ מֶער אוּן הֶעכֶער אוּן אָנְקוּמֶען צוּ גָאר גְרוֹיסֶע מַדְרֵיגוֹת; דֶערְפַאר הָאט דֶער יֵצֶר הָרַע פְּרוּבִּירְט אוֹיף אַלֶע סָארְט וֶועגְן צוּ אַרְבֶּעטְן אוֹיף רֶבִּי יוּדְל זַ"ל אִים אָפְּצוּקִילְן פוּן זַיין הִתְקָרְבוּת צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

אֵיינְמָאל הָאבְּן גֶעוִויסֶע מֶענְטְשְׁן גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי יוּדְל אַז דֶער רֶבִּי אִיז בְּרוֹגֶז אוֹיף אִים, אוּן רֶבִּי יוּדְל הָאט זִיךְ זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן פוּן דֶעם אוּן הָאט מוֹרָא גֶעהַאט אַרַיינְצוּגֵיין צוּם רֶבִּי'ן.

אַזוֹי אִיז דוּרְךְ דְרֵיי טֶעג וָואס עֶר אִיז נִישְׁט אַרַיין צוּם רֶבִּי'ן, זַיין הַארְץ הָאט אָבֶּער זֵייעֶר גֶעבְּרֶענְגְט מִיט הִשְׁתּוֹקְקוּת צוּ גֵיין צוּם רֶבִּי'ן, בִּיז עֶר הָאט בַּאשְׁלָאסְן אַז עֶס גֵייט אִים גָארְנִישְׁט אָן, זָאל זַיין וָואס סְ'זָאל נָאר זַיין, עֶר קוּקְט אוֹיף גָארְנִישְׁט אוּן עֶר גֵייט אַרַיין צוּם רֶבִּי'ן.

דֶער רֶבִּי הָאט פַארְשְׁטַאנֶען מִיט רוּחַ הַקוֹדֶשׁ וָואס דָא הָאט פַּאסִירְט, אַז מְ'הָאט דֶערְצֵיילְט זַאכְן פַאר רֶבִּי יוּדְל אִין רֶבִּינְ'ס נָאמֶען, אוּן גְלַייךְ וֶוען עֶר אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט, "וֶוען מְ'ווִיל וֶוערְן נָאנְט צוּם אֱמֶת, דֶעמָאלְט שְׁטַארְקְט זִיךְ דֶער שֶׁקֶר. אוּן וֶוען מֶען שְׁטַארְקְט זִיךְ אוֹיף דִי אַלֶע מְנִיעוֹת אוּן מְ'צֶעבְּרֶעכְט זֵיי, דֶעמָאלְט וֶוערְט פוּן 'שֶׁקֶר' [לִיגְנְט] 'קֶשֶׁר' [אַ בּוּנְד]". אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אוֹיסְגֶעפִירְט, "יֶעצְט וֶועסְטוּ שׁוֹין זַיין מְקוּשָׁר צוּ מִיר דַיין גַאנְץ לֶעבְּן".

נָאךְ אַ מַעֲשֶׂה הָאט פַּאסִירְט אִין אָנְהוֹיב מִיט ר' יוּדְל בַּיים רֶבִּי'ן, דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ אֵיינְמָאל מְפַלְפֵּל גֶעוֶוען מִיט עֶטְלִיכֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אִיבֶּער אַ פְּשַׁט אִין אַ גְמָרָא, אוּן דִי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ הָאבְּן גֶעזָאגְט אַז ר' יוּדְל וֶועט פַּסְקְ'עֶנֶען וָואס אִיז דֶער רִיכְטִיגֶער פְּשַׁט, אוּן ר' יוּדְל הָאט גֶעזָאגְט אַז דֶער פְּשַׁט אִיז וִוי דִי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ הָאבְּן גֶעזָאגְט, אוּן נִישְׁט וִוי דֶער רֶבִּי. הָאט דֶער רֶבִּי אִים גֶעפְרֶעגְט, "אוֹיבּ וֶועל אִיךְ דִיר אוֹיפְוַוייזְן אַז אִיךְ בִּין יָא גֶערֶעכְט, וֶועט מֶען דִיר קֶענֶען גֶעבְּן שְׁמִיץ [קְלֶעפּ]?", הָאט עֶר מַסְכִּים גֶעוֶוען דֶערְצוּ, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אִים טַאקֶע אוֹיפְגֶעוִויזְן אַז עֶר אִיז יָא גֶעוֶוען גֶערֶעכְט מִיט זַיין פְּשַׁט.

וֶוען ר' יוּדְל הָאט גֶעכַאפְּט דִי קְלֶעפּ, הָאט עֶר גֶעהַאט חֲלִישׁוּת הַדַעַת פוּן דֶעם, עֶר הָאט גֶעהַאט טַעֲנוֹת אוֹיפְ'ן רֶבִּי'ן פַארְוָואס עֶס קוּמְט אִים דִי קְלֶעפּ. דֶערְנָאךְ אִיז עֶר אַהֵיימְגֶעגַאנְגֶען אוּן גֶעטְרָאפְן זַיין טָאכְטֶער אַז זִי אִיז זֵייעֶר קְרַאנְק גֶעוָוארְן לֹא עָלֵינוּ, אִיז עֶר גְלַייךְ צוּרִיק גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן.

דֶער רֶבִּי הָאט אִים דֶעמָאלְט דֶערְצֵיילְט אַזַא מַעֲשֶׂה.

פָארְזֶעצוּנְג קוּמְט אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם
**גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַדִיק"**



# ווער געוואונט?

ישראל דוד העסקעל

יא איך האב ליב דיין ראש ישיבה איך בין א פען איך וויל זייער שטארק סאָפּארטען אבער איך האב יעצט נאר קעש אויב ווילסטו קום איך אראפּ צו וואו דו ביסט און איך ברענג דיר עס אריבער.

יא זיכער איך בין אינדערהיים דו קענסט מיר עס גערן ברענגן רוף מיך ווען ביסט אינדרויסן.

אפאר מינוט שפעטער קלינגט דער טעלעפאן, יא ער איז שוין דא, ער מיך געקומען ברענגען זיין נדבה פאר די אנשי חיל קאמפיין אין די האנט אריין.

פששש ממש א גרויסן יישר כח ביסט געקומען די גאנצע וועג, ממש א חשיבות!

וואס זאגסטו? שוין לאנג נישט גערעדט, וואס גייט פאר דערציייל עפעס לאמיר הערן וואס טוט זיך מיט דיר... האסט עפעס פלענער יעצט אין די האללידעיס? פארסט ערגעץ ארויס? בלייבסט דא?

ניין שכח אייבערשטער מיר האבן אפגעמאכט דאס יאר צו בלייבן אינדערהיים איך פלאן נישט ארויסצופארן אין ערגעץ.



(האללידעיס אין אייראפע איז די תקופה פון נאך תשעה באב ביז ר"ח אלול וואס דער עולם פארט אויף וואקאציע אלעס ווערט פארשלאסן אלע ביזנעסער, חדרים, סקולס, ישיבות, אלעס ווערט פארקנאקט און דער עולם לאזט זיך ארויס אויסלופטערן צו אלע וואקאציע ערטער ווי שווייץ, פראנקרייך, אוסטריע און דאס גלייכן, ס'איז זייער איינגעפירט ארויסצופארן כמעט קיינער בלייבט נישט איבער)

אה שיין איך בלייב אויך דא איך האב איינגעזען אז די גאנצע פארעראציע איז איין שטיק פיער פרעשור יעדער קוקט אויף יעדער און אז יעדער גייט דאך שוין מוז איך אויך גיין איי ס'שטימט נישט אבער וואס זאל איך טוהן אונז טו מיר דאך וואס יעדער טוט און יעדער גייט...



ניין?! כ'האב טיף אריינגעטראכט ס'מאכט ממש נישט קיין סענס מענטשן ספענדן שווערע געלטער מ'שלעפט מיט פעק און זעק מ'עסט טונא מיט רייסקעיק און טשיקן וואס מ'באקט אינעם טאוסטער מ'שלאפט אין אן אלטן קליינעם כאטקע וואס טראגט א גערוך וואס פארציילט איר יארגאנג, מ'שלאפט אויף א קליינער ספאנדש וואס דער גוי רופט מאטראץ און מ'שפענד אויף דעם עטליכע אלפים אז ביז א וואך א האלב קען מען צוריק קומען מיט א דאשיק און חאלאט און זאגן איך בין געווען אויף האללידעי! וואו ביסטו געווען? וואס? ביסט געבליבן? נעעעבעעעך!

יא אונז שטייט מיר אינדרויסן פון שטוב אויף די טויטע ליידיגע שטילע גאס וואו ס'נישט דא קיין נפש חיה אונז לאכן זיך גוט אויס פון די 'יעדער איינער' אידן...

"תכלית, וואס טוסטו מיט דיינע קינדער אז ס'נישט דא קיין חדר" פרעג איך אים.

איין טאג זעמיר געגאנגען צו א פארם - אה איך אויך. נא וואו נאך, לאמיר הערן עפעס געדאנקען - איין טאג צו די וואסער איין טאג צו א פארק, בקיצור מיר האבן דורכגעשטופט די וואך יעדן טאג ארויסגעגאנגען אויף אנדערע פלעצער.

זייער שיין, איך בין אויך ארויס אויף טריפס מיט מיין משפחה לאמיר הערן וואס טוסטו קומענדיגע וואך?

אקעי לאך נישט פון מיר איך קען דיך גוט איך ווייס דו גייסט לאכן איך בין נישט אזא סארט מענטש בכלל כ'מיין דו קענסט מיך דאך פארענטפערט ער זיך נאך פאר ער זאגט מיר בכלל פון וואס ער רעדט - פרעג נישט א גאנצע מעשה איך בין געווארן אריינגעשלעפט אין דעם א גאנצע השתלשלות בקיצור איך נעם מיין זוהן צו איינע פון די גרויסע סטעדיאומס צו קוקן א באָל געים!

אוי איז ער גערעכט געווען איך האב שוין לאנג נישט אזאנס געלאכט... איך האב זיך ממש נישט געקענט כאפן דאס אטעם - א באלל געים?! אמת'דיג?! כ'האב געמיינט דו האסט מער שכל פון דעם! וואס איז געשען מיט דיר? ווי אזוי קען א איד בכלל גיין צו אזא פלאץ און נאך נעמען די קינדער? ביסט אויפן קאפ געפאלן? דאס איז דאך סתם שטותים ס'איז נישט אפילו קיין נסיון ס'איז דאך פלעין פלעין ביטול זמן מיט שטותים לאין תכלית, פאר די גוי שטימט עס גוט ער דארף ברענגען זונטאג אפאר שעה אז נישט איז א סכנה פאר יעדן ארום אים, ער ווערט דאך משוגע מיט די צייט, פאר אים איז פונקט גוט צו זיצן אין א סטעדיאום און קוקן ווי די באל פליעט דא און יעצט פליעט עס דא פששש ממש מורא'דיג!

אבער דו?! וואס איז מיט דיר געשען?! איך רעד שוין נישט פון די אידישקייט פראבלעמען אבער אלס א מענטש דו ביסט דאך סאך קלוגער פון דעם האב איך געמיינט!!

קוק אהער לאמיר דיר זאגן ווי אזוי די גאנצע זאך האט זיך אנגעהויבן...

איך בין דאך א דעוועלאפער, איך בין ביזי די גאנצע צייט מיט אינוועסטערס און בענק, דרייען געלט און משקיע זיין. דו ווייסט דאך ווי אזוי ס'גייט... אויף איינע פון מיינע פראדשעקטס וואס איך האב אנגעשטויסן מיט פעסטע שוועריקייטן האבן זיך ברוך השם זאכן אנגעהויבן רוקן צום גוטן מ'האט אנגעהויבן זען דעם סוף.

אויף יענער פראדשעקט האב איך געהאט א גרויסע אינוועסטער א גוי וואס כדאי די זאך זאל זיך קענען רוקן האט דער גוי דער אינוועסטער געמוזט קומען חתמ'ענען עטליכע זאכן.

ס'איז געווען א פשוטער גרינע דינסטאג, ס'איז נישט געווען דעמאלט קיין שום חגאות אדער וואקציע סעזאנען, איך בין געווען זיכער אז איך רוף דעם גוי און ביז צוואנציג מינוט איז ער דא, ער חתמ'עט און מ'קען זיך שוין ענדליך אנהייבן רוקן.

איך רוף אים עטליכע מאל אבער איך האב נישט געקענט אנקומען צו אים, איך האב געלאזט מעסעדזשעס אים





געטעקסט אין קול וואין עונה... איך וואונדער זיך אזוי אינמיטן אן ארבעטס טאג זאל איך נישט קענען אנקומען צו אים? למעשה גייט אדורך א דריי פערטל שעה און ער קלינגט מיר צוריק, איך זאג אים גראד די גוטע נייעס אז מ'קען זיך רוקן און ער דארף נאר אראפ קומען אפאר מינוט צו חתמ'ענען די פאפירן.

דער גוי זאגט מיר הער אויס איך בין זייער פרייליך אבער איך בין יעצט אין שפאניע!

שפאניע?! וואס איז יעצט? ס'דאך אינמיטן א ארבעט וואך וואס איז די מעשה?

די מעשה איז אז "מיין טיעם" אין פוטבאל (סאקער) שפילט יעצט גאר גאר א וויכטיגע גיים אין שפאניע און איך קען דאס נישט פארפאסן פאר קיין געלט אין די וועלט, פארדעם בין איך יעצט נישט צום האבן! ביי.

איך לייג אראפ די טעלעפאן און איך קען נישט צו זיך קומען... באמת?! ער איז אלעס גרייט צו פארלירן צו קענען קוקן ווי אזוי א באללי פליט פון רעכטס צו לינקס און צוריק, איז ער אינגאנצן אראפ פון זינען? וואס איז פשט אין דעם? איך האב דעמאלט מחליט געווען אז איך מוז עס פארשטיין, ס'מוז זיין אז עפעס טיפער ליגט דא באגראבן.

צוויי וואכן שפעטער רופט מיך איינע פון די באנק עקזעקוטיוון מיט וועמען ס'קומט מיר אויס אסאך צו ארבעטן ער זאגט מיר אז ער און זיין קאלעגע גייען קוקן א באלל גיים קומענדיגע זונטאג און זיי האבן גאר גוטע זיצן און מיר האבן אן איבריגע טיקעט אויב דו ווילסט קומען מיט אונז ס'וועט דיר גארנישט קאסטן.

ער זאגט מיר אז נארמאל וואלט איך גראד אפגעזאגט, וואס האב איך צו זוכן דארט? זיצן מיט גוים שיכורים שעות אויף שעות זען ווי א באללי פליט אהין און אהער אבער איך האב נאך אלץ נישט געקענט קומען צו זיך פון דער מעשה פון מיין אינוועסטער אין שפאניע האב איך מחליט געווען איך גיי, לאמיר שוין זען מיט די אייגענע אויגן פון וואס מ'רעדט דא.

דאס איז געווען איינע פון די גרעסטע מיסטעיקס פון מיין לעבן! כ'ווייס אויך נישט פארוואס איך האב דאס געטון (איך ווייס יא, ווייל ער האט נישט קיין התבודדות וואס זאל אים שטעלן אין פלאץ) אבער איך בין ליידער געווארן אריינגעשלעפט אין די גאנצע זאך, היינט מוז איך פונקטליך מיטהאלטן וועלכע שפילער קומט פון וועלכע מדינה און פונקטליך וויפיל געלט ער מאכט, איך קען ממש נישט גלייבן צו וואס איך בין אנגעקומען ליידער.

זיי שטעלן אוועק די גאנצע געים מיט א מורא'דיגע חכמה כדי צו אריינכאפן די מענטשן אין זאק אריין, מען שטעלט אויס ווער ס'זאל שטיין וואו און אזוי ווייטער, קודם שפילט מען קליינע געימס צווישן די לאקאלע טעימס און ווער ס'געווינט שפילט נאכדעם אין די גרעסערע שפיל ווי ס'האלט שוין מיט די גאנצע לאנד, און נאכדעם נעמט מען צוזאמען די בעסטע שפילער פון לאנד און זיי גייען שפילן פארן לאנד אנטקעגן אנדערע אייראפעישע לענדער. און נאכדעם ווער ס'שפילט גענוג גוט און געוואונט גענוג מאל דער קען נאכדעם שפילן אין די גרעסטע שפיל ווי אלע לענדער פון די וועלט קומען שפילן.

אגב אז איך רעד שוין פון די גרעסטע געים פון וועלט זאגט ער מיר, מוז איך





דיר זאגן ליידער ביי די פריערדיגע מאל וואס ס'איז געווען וועלט געימס בין איך געווען אין זייער נישט א גוטע פלאץ איך בין דורך דעמאלט זייער שווערע צייטן איך בין ממש געלעגן דעמאלט אין עצבות לא עלינו און פון גרויס דעפרעסיע האב איך ליידער דעמאלט נישט געהיטן שבת השם ישמרו.

דעמאלט בין איך געווען אויף א גרופ מיט נאך אסאך היימישע אידן פון סטעמפארד הילל און די גרופ איז געווען מיוחד פאר פוטבאלל אלעס ארום די געימס און דעמאלט האט ענגלאנד געשפילט אום שבת און וואס זאל איך דיך זאגן דער גרופ איז געווען געהעריג אקטיוו השם ישמרנו, מענטשן וואס איך וואלט אין מיין לעבן נישט געגלייבט אז זיי קענען פאלן אזוי נידריג עלטערע אינגערע אן קיין שום בושה בכלל השם ישמרנו.

דעמאלט געדענק איך טאקע דו האסט מיך געשיקט א חיזוק יומי פון דיין ראש ישיבה און פון דעם בין איך זייער נתעורר געווארן, און טאקע זייט דעמאלט היט איך שבת ווי אן ערליכער איד, דאס האט מיר ממש צוריגעכאפט צו אידישקייט, איך האב מיר דעמאלט גוט אויפגעוועקט פון מיין טיפע טיפע שלאף, איך קום דיר א געוואלדיגע הכרת הטוב!

איך בין ממש שאקירט פון וואס דו זאגסט מיר, כלומר'שט ערליכע אידן זאלן גיין אזוי פארשוועכן שבת איך קען ממש נישט קומען צו זיך! און פארוואס? פאר א נארישע באלל געים?

אה איך האלט דיך טאקע אינמיטן זאגן וועגן די גרעסטע שפיל בקיצור יעדעס מאל איז עס אין א צווייטער מדינה און דארט קומען צוזאמען טויזנטער טויזנטער מענטשן דאס מיטצוהאלטן און נאך יעדער שפיל פאלט ארויס נאך א מדינה ביז ס'בלייבט נאר איבער צוויי מדינות און די צוויי זענען די בעסטע צוויי שפילער און ווער ס'געווינט די לעצטע שפיל דער ווערט די טשעמפיאן פון די וועלט! איך זאג דיר ס'מורא'דיג!

אינטערעסאנט, און וואס איז נאכדעם?

נאכדעם?! וואס הייסט נאכדעם? נאכדעם איז גארנישט! ס'געענדיגט!

ר' איד איר הערט וואס איר זאגט? נאכדעם איז גארנישט! מען גייט אהיים מיט ליידיגע הענט. דער הייליגער רבי נתן ז"ל האט געזאגט די וועלט איז נישט און מ'קען עס נישט האבן יענע וועלט איז יא און מ'קען עס יא האבן.

די דמיון טראגט דעם מענטש זייער ווייט, מ'גייט עס מאכן, איך גיי אנקומען, אונז גייען מנצח זיין, אונזער זאך איז די בעסטע און די איינציגסטער און ריכטיגע! און אויב אלעס איז טאקע אמת... וואס איז נאכדעם? גארנישט!

נישט נאר די נארישע ספארטס איז גארנישט, נאר יעדע עולם הזה'דיגע זאך וואס מען טוט עס נישט מיט'ן אייבערשטן איז נישט עפעס וואס מ'קען האבן, אבער אז א מענטש האט שכל און ער כאפט ארויס יעדן טאג אביסל צו לערנען זייער שיעורים אין חומש משניות גמרא און אזוי ווייטער, ער גייט אין שול דאווענען, און ער כאפט אריין צו טון חסד, מצות און מעשים טובים דאס בלייבט אויף א אייביגע אייביגקייט דאס איז חיי נצחי.

**אנו עמלים והם עמלים.... אשרי מי שעמלו בתורה!**



ברסלב
שטיצט
ברסלב

# קלאסיפיידס

*Deadline to advertise*
*Sunday 12:00 PM*








Looking for a babysitter Monday's and Thursday's from 10:00 - 3:00 for an adorable 1 year old boy.

Pleass call and leave a message

845-693-4274

בס"ד

**KB BUSINESS SOLUTIONS**
BOOKKEEPING SERVICES
Kbbsbookeeping@gmail.com
1-845-293-7667

**Did you open a new business?**

**Is your business not running properly?**

**Do it the RIGHT way!**

- QuickBooks Setup
- Account Receivable
- Accounts Payable
- Sales Tax
- Daily Cash Management
- Collections

Electrolysis, Tinting, Waxing.

Coming down to your colony.
Conditions comply.

For appointment call
A. Appeldorfer
845-537-9681

ברסלב

שטיצט ברסלב

# קלאסיפייִדס

*Deadline to advertise*
*Sunday 12:00 PM*




**B&H**

**DRY GOODS**

**1619 NY-52**
**LIBERTY, NY 12754**
**BACK ENTRANCE**

**845.320.3332**

א אינגערמאן זוכט א"נער וואס זאל ארויסהעלפן באצאלן זיין טיקעט קיין אומאן.

רופט בנציון יאקאבאוויטש

347-585-9054

## קרית ברסלב ארבעט פארמיטלינג

Looking for a office worker with experience in excel, quick books etc.

Call
718-306-2448



שיינע פריוואטע 1 בעדרום דירה אויף האשקי צו פארדינגען פאר א שבת, אדער פאר א וואך.

צו באשטעלן רופט
אברהם הערש וועבערמאן
845-492-0566




# עשרה ראשונים

## נוטלים שכר כולם

**מיר הייבן אן בויען!**

מיט גרויס פרייד און עקסטאז האבן אנשי שלומינו אויפגענומען די גינסטיגע בשורה אז מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף האבן מיר מצליח געווען אפצוקויפן א נייע ריזיגער שטח הארט נעבן דעם עקזעסטירנדן בנין היכל הקודש אין אומאן, וואו מען גייט בעזהשי"ת אויפבויען דער נייער שול 'דעם רבינס שול'.

אנשי שלומינו זענען באקאנט מיטן מציאות אז די יעצטיגע בנין איז שוין אויסגעוואקסן איר פלאץ און קען שוין נישט דינען דאס געברויך פון די פילע תלמידים און מקורבים וואס ווילן דאוונען ראש השנה אינאיינעם מיט'ן ראש ישיבה שליט"א און תלמידי היכל הקודש, מוזן מיר שוין אנהייבן מיט די מאסיווע בוי ארבעט אז די נייע שול זאל שוין קענען זיין גרייט ווי אמשנעלסטן.

זעלבסט פארשטענדליך אז צו קענען אנהייבן מיטן פאקטישן בוי ארבעט, צו בויען דעם גראנדיעזן פראיעקט, פארלאנגט זיך גרויסע סכומים.

צו דעם יעצטיגן צייט שטעלן מיר ארויס אן איינמאליגע געלעגנהייט פאר אנשי שלומינו וואס האבן א געפיל אין רבי'ן, וואס ווילן נעמען א זכות נצח אינעם בנין האדיר לתפילה ולתורה, און זיין פון די 'עשרה ראשונים' אנצוהייבן בויען דעם שול.

רוב זכותי 'עשרה ראשונים' זענען שוין פארקויפט געווארן ווי נאר עס איז באקאנט געווארן אז מיר הייבן שוין אן בויען, אבער געציילטע זכותים זענען נאך פארבליבן פאר אנשי שלומינו וואס ווילן נאך קענען ארייננכאפן דעם זכות 'עשרה ראשונים'.

די נדיבים בעם וואס ווילן ארייננכאפן דעם איינמאליגן געלעגנהייט קענען זיך פארבונדן מיט די קרן הבנין, די פרייז איז פינף און צוואנציג טויזנט דאלער, כאפט אריין צו נעמען א באדייטנדער חלק אינעם נייעם שול, און די זכות וועט אייך אייביג באגלייטן, בזה ובבא.

ווען דער הייליגער רבי נתן זכותו יגן עלינו האט זיך געגרייט צו בויען דעם קלויז אין אומאן, ער איז ארומגעגאנגען קלייבן געלט צום בויען, איז אים דאס נישט אנגעקומען גרינג, מען האט זיך ארויסגעדרייט פון געבן. איינמאל האט ער אנגעטראפן ביים גיין נאך געלט ר' אברהם בערניו, דעם רבינ'ס אייניקל, וואס איז געווען א גרויסער עושר, און רבי נתן זאגט אים: "אברהם בערניו, דער רבינ'ס זאך וועט זיך אויספירן אן דיר אויך, אבער שענער און בעסער וועט זיין אז דו וועסט צוהעלפן", ער איז זייער נתעורר געווארן פון די ווערטער און ער האט געגעבן פאר רבי נתן א שיינע נתינה.

לאמיר זיך דערווארעמען די הערצער ארויסצוהעלפן בויען דעם הייליגן רבינ'ס שול, סמוך ונראה למקום גניזת קודשו!


מיין
שותפות
אונעם רבינ'ס שול
25
אלפים
נמכר
נמכר



א סעודה

# מיט'ן ראש ישיבה

## פרשת דברים - תשפ"ג

**החתן יוסי זינגער דערציילט:** איך האב אסאך אסאך געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל נאכאמאל האבן די זכי' צו קענען עסן א שבת סעודה ביי דער ראש ישיבה, און דער אייבערשטער האט געהאלפן, נאך אסאך אסאך תפלות בין איך צוגעגאנגען צו דער ראש ישיבה פרעגן אויב איך קען קומען עסן די סעודה, איך האב געזאגט פארן ראש ישיבה איך וועל אריינשיקן צו דער רעדאקציע פון די קרית ברסלב בלעטל וואס מ'האט גערעדט ביים סעודה, און דער ראש ישיבה האט מסכים געווען. דא וועל איך פרובירן צו מקיים זיין מיין קבלה און מיטטיילן מיט אנשי שלומינו די שיינע זאכן וואס איך האב ארויסגענומען פון די סעודה.

דער ראש ישיבה קומט אהיים און רופט אויס א פרייליכע "גוט שבת", גלייך זעצט מען זיך צום טיש און מ'הייבט אן 'שלום עליכם', אן קיין פארברענגען די צייט.

אינטערעסאנט צו אנמערקן אז דער ראש ישיבה האט שוין געהאלטן נאכן זינגען די גאנצע זמירות מיט די בחורים אין בית המדרש, זומער זינגט דער ראש ישיבה נאכן דאווענען מיט די בחורים די זמירות אבער מיט דעם אלעם, ווען ער איז אנגעקומען אינדערהיים האט ער פריש אנגעהויבן פון אנפאנג און זיך נישט גע'פטר'ט דערמיט. דער ראש ישיבה האט געזאגט: "אויב איך וועל נישט זינגען קיין זמירות אינדערהיים וועלן מיינע קינדער זאגן 'אונז געדענקט מיר אלע יארן האט דער טאטע זיך געפירט אז אין די זומער זינגט מען נישט קיין זמירות', זיי גייען נישט געדענקען אז איך האב שוין געזינגען זמירות מיט די בחורים... איך וויל דאך זיי זאלן אויסוואקסן ערליכע אידן זינגען זמירות אזוי ווי דער רבי זאגט אז דער עיקר אידישקייט איז זינגען זמירות.

דער ראש ישיבה האט אנגעהויבן זינגען זמירות מיט א פלאם פייער, איך האב באמערקט ווי יעדע שטיק צייט האט דער ראש ישיבה געוויזן פאר זיינע קינדער זיי זאלן מיטזינגען, דער ראש ישיבה האט דאס געטון מיט חכמה נישט געשטאנען אויף זייער קאפ: "נו, נו, זינג שוין!" דער ראש ישיבה האט געמאכט פרייליך און פון צייט צו צייט זיי דערמאנט צו זינגען זמירות.

פאר קידוש האט דער ראש ישיבה זיך אנגערופן צו זיינע קינדער: "די וואך שבת איז א הערליכע שבת, שבת חזון". און דער ראש ישיבה האט געפרעגט איינע פון זיינע קינדער: "ווען א קעניג איז אין פאלאץ קען יעדער מענטש צוקומען צו אים, אדער נאר זיינע באדינער וואס דרייען זיך אין פאלאץ? נאר די באדינערס קענען צוקומען צום קעניג, אבער ווען דער קעניג גייט שפאצירן אין שטאט אויפן פעלד, דעמאלטס קען יעדער צוקומען צו אים. דאס איז שבת חזון, יעצט איז דער אייבערשטער אין פעלד - כביכול, מ'קען בעטן פונעם אייבערשטן וואס מ'וויל".

דער ראש ישיבה האט געזאגט: "היינט האט יוסף הערליך שיין געדאווענט, יוסף גייט אויפהייבן די כוס פאר קידוש!"

דער ראש ישיבה האט געמאכט קידוש הערליך שיין, נאכדעם האט מען זיך געוואשן און געזעצט צום טיש.

דער ראש ישיבה האט דערציילט פאר זיין ווייב אז גלייך נאך די זומער גייט זיין כמעט צען חתונות, דער ראש ישיבה האט אויסגערעכנט פאר זיין ווייב אלע חתנים וואס האבן חתונה אין די קורצע צוויי וואכן ביז מ'פארט צום רבי'ן, און דער ראש ישיבה האט געזאגט: "מוהרא"ש האט מיר אמאל געזאגט 'סוועט קומען א צייט וואס ס'וועט זיין אזוי סאך חתנים, אז מ'וועט אויסשפרייטן א טלית אין פארנט פון בית מדרש און מ'וועט אנהייבן אדורך פירן חתנים און כלות, איינס נאכן צווייטן...' יעצט הייבט עס שוין אן צו מקוים ווערן!..."

נאך די פיש האט דער ראש ישיבה דערציילט: "דער גבאי פון בית המדרש ליקוטי מוהר"ן האט מיך דערציילט אז פאריגע וואך פרייטאג צונאכטס נאכן דאווענען איז אנגעקומען א היימלאזע גוי ביים טיר פון בית מדרש און ער האט אנגעהויבן שרייען אזאנע קללות נמרצות, עד כדי כך אז איינע פון די מתפללים האבן פשוט מורא געהאט אהיימצוגיין.

איז דער גבאי ארויסגעקומען פון בית המדרש, ער איז צוגעגאנגען צום גוי און אים געזאגט אין ענגליש: "דער אייבערשטער האט דיך ליב!" האט דער גוי זיך אנגערופן: "ס'איז נישט אמת, דער אייבערשטער האט מיך נישט ליב, דער אייבערשטער האט מיך פיינט, איך בין א זינדיגער מענטש!" זאגט אים דער גבאי: "לייג דיינע זינד אין א זייט, דער אייבערשטער האט דיך ליב!" דעמאלסט האט דער גוי אנגעהויבן צו וויינען, ער רופט זיך אן: "זייט די עלעף יאר גיי איך שוין ארום צובראכן אז דער אייבערשטער האט מיך נישט ליב, קיינער האט מיך נישט געזאגט אז דער אייבערשטער האט מיך ליב! דו ביסט דער ערשטער מענטש וואס זאגט מיך עס".

דער ראש ישיבה האט געזאגט אז פון די מעשה זעהט מען וואס מוהרא"ש פלעגט אלץ זאגן, אז ווען דו רעדסט מיט א גוי, ווי נאר דו ביסט מזכיר שם השם ווערט ער ממש דיינס, צום ביישפיל דו גייסט אין א גוי'שע קאר סערוויס, דו זאגסט אים: "דער אייבערשטער זאל דיך בענטשן", נאכדעם וועט ער שוין אלעס טון פאר דיר.

דער ראש ישיבה האט געוואלט דערציילן א מעשה פאר די קינדער, דער ראש ישיבה האט אויסגערופן אז אלע קינדער זאלן קומען צום טיש, אבער די קינדער האבן נישט געפאלגט, דער ראש ישיבה האט זיי גערופן אפאר מאל און זיי זענען נישט געקומען, האט דער ראש ישיבה זיך אנגערופן צו מיר: "דאס זאלסטו אריינלייגן אין די בלעטל, ווייל מענטשן מיינען אז ביי דער ראש ישיבה אינדערהיים פאלגן אלע קינדער גלייך ווי מאשינען, ס'איז נישט אמת, אלע קינדער זענען פארשפילט, מ'דארף נאר טרעפן די וועג זיי צוריקצוברענגען".

ביים סוף פון די סעודה האט דער ראש ישיבה געזאגט פאר די קינדער: "איך האב א שרעקעדיגע מעשה צו דערציילן, אבער איך ווייס נישט אויב איך זאל עס דערציילן, ווייל ענק זענען נישט געווען ביים טיש די גאנצע סעודה!" די קינדער האבן זייער געמוטשעט דער ראש ישיבה ער זאל יא דערציילן, האט דער ראש ישיבה געפרעגט זיין ווייב אויב ער זאל דערציילן די מעשה, זי האט געענטפערט אז יא, האט דער ראש ישיבה דערציילט:

## זייט די 11 יאר גיי איך שוין ארום צובראכן אז דער אייבערשטער האט מיר נישט ליב

שלמה המלך האט געוואלט בויען דעם הייליגן בית המקדש, אבער מ'טאר נישט שניידן די שטיינער פארן בית המקדש מיט א מעסער, די איינציגסטע וועג וויאזוי מ'מעג שניידן די שטיינער פארן בית המקדש איז מיט די 'שמיר ווארעם', ס'איז דא ווארעם וואס הייסט 'שמיר', ס'איז נאר דא פון איינס דערפון אין די גאנצע וועלט, און ווען מ'לייגט עס ארויף אויף א שטיין ווערט די שטיין צושניטן אין האלב, אבער שלמה המלך האט נישט געוואוסט וואו דער שמיר ווארעם געפונט זיך, האט ער געזאגט פאר בנויהו בן יהוידע ער זאל גיין טרעפן די ווארעם.

בנויהו בן יהוידע האט געוואוסט אז דער שמיר געפונט זיך ביי די שדים, איז ער געגאנגען צו 'אשמדאי' - דער קעניג פון די שדים און אים געוואלט ברענגען צו שלמה המלך, איז ווייטער דא א פראבלעם, וויאזוי ברענגט מען אשמדאי? ער איז נישט קיין מענטש, ער איז א שד, מ'קען אים נישט אנכאפן און אהערברענגען, האט ער געטראכט א גוטע עצה.

אשמדאי האט אלץ מורא געהאט אז אפשר וויל מען אים הרג'ענען, דעריבער האט ער קיינמאל נישט געטרינקען פון סתם וואסער פון טייך ווייל אפשר האט איינער אריינגעלייגט סם אין די וואסער, נאר ער האט געהאט א גרוב מיט וואסער און ביים עפענונג פונעם גרוב האט ער געהאט א שטאפער וואס האט געהאט זיין זיגל דערויף, אזוי ווען ער איז צוריקגעקומען האט ער געקענט זען אויב איינער האט געבאבערט מיט זיין וואסער, אויב ער האט געזען אז קיינער האט עס נישט אנגערירט האט ער געקענט טרינקען דערפון.

איז בנויהו בן יהוידע געגאנגען און אויפגעגראבן א גרוב אביסל אראפציר פון אשמדאי'ס גרוב, און פון יענע גרוב האט ער אריינגעגראבן אין די וואנט פונעם גרוב ביז ער איז אנגעקומען צו אשמדאי'ס גרוב, צוביסליך האט ארויסגערינען די גאנצע וואסער פון אשמדאי'ס גרוב - אריין אין די גרוב אראפציר, נאכדעם האט ער אויפגעגראבן נאך א גרוב א ביסל ארויפציר פון אשמדאי'ס גרוב און עס אויך מחבר געווען מיט אשמדאי'ס גרוב פון אינעווייניג, און דארטן האט ער אריינגעגאסן וויין, און די גאנצע וויין איז אריבער אין אשמדאי'ס גרוב אריין אנדעם וואס מ'זאל דארפן עפענען די זיגל, ער האט צוגעדעקט די צוויי אנדערע גרובער און געגאנגען אין א זייט.

אפאר מינוט שפעטער קומט אשמדאי אן (דא האט דער ראש

<<<<

ישיבה געמאכט שרעקעדיגע קולות... די קינדער זענען געזעצן מיט אפענע מיילער...) און ער קוקט אויב איינער האט געבאבערט מיט זיין וואסער, אבער ניין, די זיגל איז נאך דארט, ער הייבט אן טרינקען פון די ווין, ביז ער איז איינגעשלאפן (דער ראש ישיבה האט נאכגעמאכט וויאזוי מ'שלאפט) האט בנויהו בן יהוידע אים געכאפט און צוגעבינדן מיט א קייט וואס האט אריינגעקריצט דעם אייבערשטנ'ס

## שטעל דיר פאר איינער קומט יעצט אן און זאגט 'איך בין מוהרא"ש' גייסט אים גלייבן?

נאמען, און ער האט אים געברענגט צו שלמה המלך, און שלמה המלך האט ארויסבאקומען פון אים די שמיר ווארעם. (דער ראש ישיבה האט דערציילט די גאנצע מעשה וויאזוי שלמה המלך האט ארויסבאקומען פון אים די שמיר ווארעם.)

דער ראש ישיבה האט ווייטער דערציילט: נאכדעם וואס שלמה המלך האט שוין געהאט דעם שמיר ווארעם איז אשמדאי געקומען צו שלמה המלך און אים געזאגט: "דו ביסט בכלל נישט שטערקער פון מיר, גרויסע קונץ... דו לייגסט ארויף אויף מיר א טשעין מיטן אייבערשטנ'ס נאמען דערויף, איך קען עס נישט אויפרייסן ווייל מ'טאר נישט צוריסן דעם אייבערשטנ'ס נאמען, נעם נאר אראפ די טשעין פון מיר וועסטו זען וואס איך קען!" אזוי האט שלמה המלך געטון.

ווי נאר ער האט אראפגענומען פון אשמדאי די טשעין גייט אשמדאי צו צו שלמה המלך און הייבט אים אויף, און ער שיסט אים ארויף ביז די הימל!! (דער ראש ישיבה האט געזאגט פאר זיינע קינדער: "ווייסט וואס הייסט שיסן ביז די הימל? ווי הויך קענסטו שיסן א באלי? צוויי שטאק? פיר שטאק? מערסטנס זעקס שטאק?"...) און שלמה המלך האט אראפגעטראסקעט ביי די אנדערע עק וועלט!! דעמאלטס האט אשמדאי זיך פארשטעלט ווי שלמה המלך, און ער זעצט זיך אוועק אויפן שטיל פון שלמה המלך, קיינער האט נישט געוואוסט אז ער איז נישט עכט שלמה המלך.

אזוי איז אריבער א שטיק צייט און שלמה המלך קומט אן אין פאלאץ און זעט וואס טוט זיך דארטן, ער רופט זיך אן צו אלע באדינערס: "איך בין עכט שלמה המלך!" אלע באדינערס האבן אים אויסגעלאכט... מ'האט געזאגט אז ער איז א משוגענער. (דער ראש ישיבה האט געזאגט: "שטעל דיך פאר איינער קומט יעצט אן אין שטעטל און ער זאגט 'איך בין מוהרא"ש' גייסט אים גלייבן? גייסט לאכן פון אים!")

ביז ס'איז געקומען א צייט און בנויהו בן יהוידע האט געטראכט צו זיך: 'געוועגליך א משוגענער האט יעדן טאג א צווייטע משוגעת, ער קומט יעדן טאג מיט די זעלבע משוגעת אז ער איז שלמה המלך, אפשר איז דא עפעס אמת דערין'. איז ער געגאנגען און געפרעגט שלמה המלך'ס ווייבער אויב ער פירט זיך אנדערש אין שטוב לעצטנס, האט זי געזאגט אז נישט, האט מען איר געפרעגט אויב זיין פיס איז אנדערש, האט זי געזאגט אז זי זעט נישט זיין פיס ווייל לעצטנס טוט ער קיינמאל נישט אויס די זאקן, ער שלאפט נאר מיט זאקן (דער ראש ישיבה האט געזאגט: "איך גיי אלץ ארום קוקן בייינאכט אין די שלאף שטובער אויב אלע קינדער האבן אויסגעטון די זאקן מ'שלאפט נישט מיט זאקן. מיר האבן א מנהג אז ווען מ'טוט אויס די זאקן געבט מען א קיצל די פיס, אזוי פארגוטיגט מען אביסל אויפן שרייען אז מ'דארף שוין אריין אין בעט...) זענען זיי געגאנגען און אויסגעטון זיין זאקן, האט מען געזען אז ער האט פיס פון א הינדל (שדים האבן די זעלבע פיס ווי א הינדל), האט מען שוין געוואוסט ווער ס'איז עכט שלמה המלך.

דער ראש ישיבה האט געפרעגט זיין אייניקל פון דריי יאר אלט: "וואס זאגט דיין רבי?" האט ער געענטפערט: "מיין רבי זאגט מ'זאל טראכטן פון יוד -קי -וו-קי!" האט דער ראש ישיבה געזאגט: "די גמרא זאגט אז ביי קריעת ים סוף האבן די קליינע קינדער געזאגט 'זה קלי ואנוהו', דא אין חדר איז ממש מקוים געווארן די חז"ל, קליינע קינדער רעדן פונעם אייבערשטן א גאנצן טאג!"

דער ראש ישיבה'ס אייניקל האט גערופן דער ראש ישיבה אפאר מאל: "זיידי, זיידי, זיידי", האט דער ראש ישיבה זיך אנגערופן פאר א אינגערמאן: "ווען א קינד זאגט 'טאטי' איז עס א גוטע פילינג? קענסט זיך פארשטעלן וויאזוי דער אייבערשטער שפירט ווען א איד זאגט 'טאטע'?..."

שכח אייבערשטער פאר אזא שיינע סעודה, איך האף צום אייבערשטן אלע חשוב'ע לייגער האבן הנאה געהאט און ארויסגענומען עצות און חיזוק לעובדא ולמעשה

פאר די ברסלב'ע שטוב

מ. פאפנהיים

# אידיש נחת

**"מירי! וואס טוט זיך?"**

איך דריי זיך אויס מיט מיין גאנצן געזינדל, "רבקי! וואס מאכסטו? וואס דערציילסטו עפעס גוטס?"

"געלויבט דער הייליגער באשעפער! מירי, איך מוז דיר זאגן אז דיינע שפריצער'ס ביי די לעצטע ארטיקל איז געוועזן א גוט'ס!"

"איך פריי זיך זייער צו הערן, האסט זיך אנגעגלוסט צו ווערן באשפריצט?"

"נישט קיין שלעכטער געדאנק! איך מוז דיר דערציילן וואס איך האב געהאט ביי אזעלכע שפריצער'ס."

"איין מינוט... שרה'לע!! קום שנעל צוריק!! מען טאר נישט לויפן אין גאס! איך בין עכט נייגעריג, נאר איך קען דא נישט שטיין אינמיטן גאס מיט אלע קינדער." "זיכער אז נישט", רבקי כאפט דעם מצב. "געזונטע קינדער בלי עין הרע, אבער מיר גייען ביידע אויף מאה שערים יא? וועל איך דיר עס דערציילן אויפן וועג."



"הערסטו? פאריגע וואך בין איך ארויס מיט מיין מאן א שפאציר, עס איז געווען א הערליכע פארנאכט, מיט מחי'דיגע ירושלימ'ער לופט. מיר זענען געגאנגען א לענגערע שפאציר, ביז מיר זענען אנגעקומען נעבן אלט — שטאט, דארט איז אויך דא א פארק מיט שפריצער'ס און לעמפלעך. האסט געוואוסט פון דעם? צו וואס האבן אייך געדארפט פארן א האלבע שעה?"

איך שמייכל זיך אונטער, "יא, איך ווייס פון די פארק. אבער ביי אונז פארשטייט מען צו **פעסטע** אויספלוגן. סתם ארויסגיין איז נישט אינטערעסאנט..."

רבקי לאכט מיט. עס איז דא מענטשן וואס פארשטייען צו גוטע זאכן... שוין נישט קיין חילוק. מיר האבן אנגענעם שפאצירט. די פארק איז גראדע געווען פיל מיט פרומע ליטווישע משפחות, און מיר האבן געטראפן א גוטע ווינקל



פאר אונז אויך. אינמיטן הער איך ווי איינע רופט מיר: "אנטשולדיגט?" איך האב זיך אויסגעדרייט און פראבירט זיך אומקוקן ווער עס קען דא רעדן אויף אידיש, און א פרוי זאגט מיר, "איך קען רעדן צו דיר אפאר מינוט?"

איך האב געמיינט איך גיי חלש'ן, א עלטערע פרוי, מיט ווייסע אפגעקראכענע האר... זי איז נישט געגאנגען אנגעטון אינגאנצן אויסגעלאסן, אבער מיט איין האנט האט זי זיך צוגעהאלטן ביים האלז. זעט אויס אז עס איז געווען אויסגעשניטן און זי האט זיך געשעמט, און זי רעדט צו מיר אזא קלארע אידיש! וואס דארף עס מיינען? און איך שטיי דא מיט מיין מאן, וואס זאל איך פונקט טון מיט איר?

איך ווער געשפאנט. "וואס האסטו טאקע געטון?"

מיין מאן האט מיר געוואונקען איך זאל איר אויסהערן. גריס איך איר, "א גוטע נאכט! מיט וואס קען איך אייך העלפן?" אירע אויגן האבן אויפגעשיינט, מיט איין אטעם הייבט זי אן צו רעדן. "איך קום פון רוסלאנד — דא האב איך אויפגעכאפט איר רוסישע אקצענט — איך בין ארויפגעקומען קיין ארץ ישראל נאכן צוזאמפאל פון אייזערנעם פארהאנג מיט מיין איינציגער זון, - אין איר שטימע האט זיך אריינגעכאפט א שטאלץ — מיין זון האט געלערנט צו זיין א אינדזשעניר און ער איז זייער מצליח אין זיין פאך, די גאנצע פארק דא האט ער געבויעט. לעצטנס טראכט איך אז איך דארף אמאל זען וואס ער בויעט, ער דערציילט מיר אז ער איז מצליח, אבער ער רעדט נישט צופיל פון זיך, בין איך היינט ביינאכט דא ארויסגעקומען, איך דריי זיך דא ארום און איך קוועל פון נחת. אזוי הערליך, אזוי שיין. איך זע ווי יעדער האט הנאה און איך האב געפילט אז איך מוז פאר איינעם ארויסגעבן מיינע געפילן, האב איך געזוכט עפעס א היימישע פנים, איינער וואס וועט מיר פארשטיין און זיך מיטפרייען מיט מיר."

זאג איך איר, "וואו! אזוי שיין! אזוי פונקטליך אויסגערעכנט די לעמפלעך און די וואסער, אזוי הערליך אלעס געבויעט דא, אזויפיל ערליכע משפחות האבן הנאה פון דעם."

זי האט צוגעשאקלט מיטן קאפ. "יא, וועגן דעם האב איך געזוכט איינער וואס קען אידיש, ווייל איך קען נישט צו גוט די שפראך דא, און איך האב געדארפט איינעם וואס זאל מיר גוט פארשטיין."

און זי פרעגט מיר: "דיינע קינדער טאנצן דא אויך ארום?" האב איך זיך צושמייכלט, "איך האב חתונה געהאט פאר א האלבע יאר צוריק, איך האב נאכנישט קיין קינדער."

"אזוי? דעמאלט ווינטש איך דיר דו זאלסט לעבן אסאך גוטע יארן אינאיינעם מיט דיין מאן און דער אייבערשטער זאל דיר געבן אסאך אסאך קינדער."

"אמן! שכח פאר די גוטע ברכות!"

"יא! דער אייבערשטער זאל דיר געבן אסאך קינדער און אסאך אסאך נחת!"

"אמן! פון אייער מויל צו גאט'ס אויערן!"

רבקי כאפט זיך אפ דעם אטעם, און איך בלייב שטיין מיט א אפענעם מויל, "ווער ווייסט וואס די פרוי איז אריבער אין איר לעבן..."

"יא, — זאגט רבקי — די פרוי איז זיך אהיימגעגאנגען און מיין הארץ איז אויסגעגאנגען פאר איר, איין איינציגער זון, און די נחת וואס זי האט פון אים איז א שיינער פארק... איך האב נאך

אפילו נישט קיין קינדער און איך האף צו זען שענערע נחת..."

איך בין מסכים מיט איר, "ווער וויל דען נישט זען אידיש נחת? איך קען פראבירן די מערסטע צו טון, צו ליגט אבער די תוצאות אין מיינע הענט? צו

**מיין זון האט געלערנט צו זיין א אינדזשעניר און ער איז זייער מצליח אין זיין פאך, 'די גאנצע פארק דא האט ער געבויעט'!**

קען איך דען וויסן וועלכע נסיונות מיינע קינדער וועלן אריבערגיין? וואספארא לעבן ווארט זיי?"

רבקי ווערט נערוועז, "וואס זאל איך טון? זאל איך אפילו נישט חלומ'ען אויף דעם?"

"חס ושלום! זיכער דארפסטו חלומ'ען אויף דעם, אבער לאז עס נישט אין חלומות, זאג עס פארן באשעפער! מיר ווייסן דאך די כח פון תפילה, עס איז א פארזיכערטע השקעה און ברענגט גוטע פירות, עס איז קיינמאל נישט צו פרי אנצוהייבן, און אויך קיינמאל נישט צו שפעט, אפילו עס זעט אויס אז מען טוט גארנישט אויף, דארפן מיר אלץ געדענקען אז דאס איז דאס בעסטע געווער. מען קען קיינמאל נישט וויסן וועלכע תפילה גייט צילן צום פונקט, און אלע תפילות וועלן קומען צופליען און זיך אריינכאפן צוזאמען."

"דו ביזט זייער גערעכט, אבער צו וואס דארפסטו ווארטן ביז דיינע קינדער וועלן גרויס ווערן און דעמאלט אנהייבן שעפן די נחת?"

"עס איז מיר נישט איינגעפאלן צו טראכטן אזוי, מיינע קינדער זענען נאך טאקע קליין, אזוי ריין, אזוי לויטער, איך דארף אמאל אפשטעלן מיין טעגליכע געיעג און פשוט זיך אנפילן מיט די נחת.

עס איז אזוי זיס צו זען ווי שרה'לע מאכט א ברכה ווארט ביי ווארט מיט די גאנצע ערנסקייט, און מיט אזא תמימות בעט שלמה'לע אינמיטן שפילן 'הייליגער באשעפער העלף אז די מאגנעט טיילס זאל נישט צאמפאלן'! און מיט אזא שמחה זעצט זיך נתל'יע אוועק חזר'ן זיינע עברי, דער אייבערשטער האט דאך זיכער נחת פון די זיסע לעכטיגע מצוה'לעך."

רבקי קוקט מיר אן מיט א כיטערע שמייכל, "און וואס מיינסטו? פון דיינע מצוה'לעך האט נישט דער אייבערשטער נחת?"

"אוי! וואס טו איך שוין א גאנצן טאג?"

"איך וועל דיר זאגן וואס דו האסט היינט געטון, ביזט אויפגעשטאנען אינדערפרי', געזאגט מודה אני, און געוואשן נעגל וואסער..."

"אוי ווי! ווילסט וויסן ווי אזוי מיין מודה אני האט אויסגעזען? בערך אזוי: מודה אני לפניך – א טיפער געניץ. טאטע זיסער, איך וואלט נאך געוואלט שלאפן נאך א האלבע שעה... מלך חי וקים, העלף מיר הייליגער באשעפער אז מיינע קינדער זאלן ארויסגיין געשיקט און רוהיג... שהחזרת בי נשמתי. אוי, די בעיבי' וויינט שוין, ווי אזוי וועל איך זיך דא א עצה געבן אזוי..."

בושות...

זאלסטו וויסן טייערע מאמע'לע אז דווקא פון אזעלכע מצוה'לעך האט דער אייבערשטער די מערסטע נחת, ער זיצט און טשאטשקעט זיך ארום מיט דעם און האט הנאה פון יעדע ווארט. לאמיר זיך אויך מחי'ה זיין מיט אונזערע מעשים און זיך אנשעפן מיט דעם פרישע כוחות. צו קענען האדעוועןן אונזערע נחת'לעך...

אסאך אסאך אידיש נחת!!!



# התבודדות פאר די אידישע מאמע

א אות נאך א אות א מחיה

דו שפירסט אז דו טוסט
זיך פלאגן אומזינסט
דו ווערסט ממש צוריסן
און דיין קאפ הייבט אן צו מישן.

ווען דו ווייסט נישט וואס צו זאגן, דיין הארץ ווילסטו אויסגיסן,
א גוטע עצה טוסטו פארמאגן, מיט'ן אייבערשטן זיך אויסשמועסן.
א אות נאך א אות און א רייע מיט די א-ב א מחי'ה

הייליגער באשעפער איך ארבעט פאר דיר.
הייליגער באשעפער איך טו באקן פאר דיר.
הייליגער באשעפער איך גיב פון מיר אן א שיעור.
הייליגער באשעפער איך דאווען נאר צו דיר.
באשעפער איך האדעווע קינדער פאר דיר.
באשעפער איך וואש וועש פאר דיר.
הייליגער באשעפער איך זינג לידעלעך פאר דיר.
הייליגער באשעפער איך מאך חלות פאר דיר.
באשעפער ס'טוט זיך דא טוים אן א שיעור.
הייליגער באשעפער יא, אלעס פאר דיר.
באשעפער איך גיב כבוד פאר מיין מאן פאר דיר.
באשעפער איך לייג צאם וועש פאר דיר.
הייליגער באשעפער איך בין מסדר די שטוב פאר דיר.
הייליגער באשעפער איך טו נייען פאר דיר.
באשעפער איך דארף סבלנות אן א שיעור.
הייליגער באשעפער איך עס אייסעם פאר דיר.
באשעפער איך פאל פון די כוחות פאר דיר.
באשעפער איך גיי צניעות'דיג פאר מיר.
הייליגער באשעפער איך טו קאכן פאר דיר.
הייליגער באשעפער איך רו זיך אפ פאר דיר.
באשעפער איך שטיי אויף ביינאכט פאר דיר.
באשעפער איך זאג תהילים פאר דיר.



(אויפן אלף בית ניגון פונעם נייעם סידי "א מופת בין איך")

בעזרת השם יתברך

מוסדות היכל הקודש

מיסודו של כ"ק מוהרא"ש זיע"א

בנשיאות הראש ישיבה שליט"א

# סימן טוב ומזל טוב

פון טיפן הארצן וואונטשן מיר
א הערצליכן ברכת מזל טוב
פאר ידידינו הנכבד,

## הרב מרדכי אינדיג שליט"א

**וזוגתו תחי'**

לרגל די שידוך שליסן פון א
טאכטער למזל טוב
**עב"ג מו"ה שמואל יודא**
**פעלבערבוים הי"ו**

דא איז די פלאץ זיך צו באדאנקן פאר אונזער
**געטרייע איבערגעגעבענע מנהל**
וואס גיבט זיך אוועק טאג און נאכט,
פאר די הצלחה פון יעדע תלמיד.

דער אייבערשטער זאל העלפן
ער זאל זען אסאך נחת פון אלע
קינדער עד סוף כל הדורות.

**וואונטשן:**
מלמדים און תלמידים פון תלמוד תורה
**הנהלת המוסדות**
[redacted]

קרית ברסלב בלעטל

# קינדער אפטיילונג

פרשת כי תצא

## חידות אפטיילונג

**ר' נתן האט אמאל גערעדט ווי ביטער ס'איז ווען מ'ווערט מגולגל, האט ר' נתן אויסגעפירט: איין וועג בין איך גרייט נאכאמאל מגולגל צו ווערן**

א. אויב איך וועל קענען ענדיגן ש"ס
ב. אויב איך קען נאכאמאל זיין ביים רבינ'ס ציון
ג. אויב איך קען נאכאמאל זיין מקורב צום רבי'ן
ד. אויב איך וועל קענען מאכן השבת אבידה

*שאלה און ענטפער פון פאריגע וואך*

ווען מ'האט געזאגט פארן רבי'ן אז אנדערע צדיקים זאגן נישט מ'זאל קומען צו זיי אויף ראש השנה, האט דער רבי געזאגט

**נו, וועט זיין נאך א קשיא אויף מיר**

*געווינער פון פאריגע וואך*

**חי' לאה וויינבערג תחי' - קרית ברסלב**

שיקט אריין די ענטפערס מיט אייער נאמען צו 845-379-1161

## טרעף די ווערטער

פיר זיך אויף מיט דרך ארץ און געוואוין זיך צו אז יעדעס מאל דיין מלמד ענדיגט לערנען, איידער דו גייסט זיך שפילן און זיך אפרוען - זאג א **יישר כח** פאר דיין מלמד, אזוי אויך זאלסטו זיך צוגעוואוינען מיט די גוטע מידה פון זיך באדאנקען פאר יעדן איינעם.

*(עצות אמונה פרשת בשלח תשפ"ג)*

| | | | | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| נ | ה | מ | ס | כ | ח | ל | ז | ח | ר | ל | ג |
| ע | ל | י | ב | א | ד | א | נ | ק | ע | נ | י |
| נ | ג | ע | ו | ו | א | ו | י | נ | ה | מ | י |
| ר | מ | ד | א | ג | ע | מ | ל | מ | ד | ז | ס |
| ע | ל | ע | ו | ג | נ | ט | א | מ | י | ט | ט |
| ל | מ | ס | נ | מ | ד | א | מ | כ | מ | ג | א |
| מ | ד | י | ז | ז | י | כ | צ | ה | מ | ו | ז |
| ע | ה | ר | י | פ | ג | ז | א | ל | ס | ט | ו |
| נ | א | ז | כ | י | ט | ג | ד | י | ג | ע | י |
| י | מ | י | ט | ר | א | ד | ש | י | נ | ק | ב |
| י | ו | כ | כ | ז | כ | ו | פ | ש | ד | כ | נ |
| א | נ | י | פ | ר | פ | א | י | ר | ע | י | ו |
| א | ז | ה | א | ג | צ | ו | ל | פ | י | ו | נ |
| ר | א | פ | ר | ו | ע | נ | נ | ד | ז | י | כ |
| צ | ו | ג | ע | ו | ו | א | ו | י | נ | ע | נ |
| פ | ש | ו | י | ס | פ | א | י | י | ד | ע | ר |

## טרעף די וועג

כאפ ציך אריבער צום רבי'ן אויף ראש השנה



## שטיקעלע ספר המדות

### הַכְנָסַת אוֹרְחִים

א. מִי שֶׁאֵין מַכְנִיס אוֹרְחִים, בָּזֶה מַחֲזִיק יְדֵי מְרֵעִים, שֶׁלֹּא יַחְזְרוּ בִּתְשׁוּבָה.

וֶוער עֶס נֶעמְט נִישְׁט אַרַיין קַיין גֶעסְט, שְׁטַארְקְט עֶר מִיט דֶעם דִי רְשָׁעִים אַז זֵיי זָאלְן נִישְׁט תְּשׁוּבָה טוּן.

דער רבי האט געזאגט אויפן ספר המדות: "דער ספר האט מיך געמאכט פאר א איד"

## פארהער שיחות פון רבי'ן

וועלכע שיחה פון רבי'ן דערמאנען דיך די בילדער?






ענטפער פון פאריגע וואך

דער הייליגער רבי האט געזאגט: "ראש השנה ביי מיר, איז גרעסער פון אלעס!""

# קינדער טאלאנט



לאה פיגא בלום תחי'
קרית ברסלב




הערשל און מענדל רוטה נ"י
קרית ברסלב




פייגי לאנדא תחי'
קרית ברסלב



פייגי און מאלי מענדלאוויטש
תחי' - קרית ברסלב



יצחק און משולם פייש אינדיג
נ"י קרית טאהש

אהערגעשטעלט א וואגשאל
מיט א שופר

# אַ מַעֲשֶׂה פון תְּפִלָּה
# פאַר קינדער

שרי אינדיג תחי׳ - קרית ברסלב פּארצײלט:




פײגי אינדיג תחי׳ - קרית ברסלב פּארצײלט:



# בילדער
## אפטיילונג










וואך נאכט פון אן אייניקל ביים ראש ישיבה בן מו"ה נתנאל פארקאש שליט"א - ב' שופטים תשפ"ג











ברית פון אן אייניקל ביים ראש ישיבה הילד יחזקאל נ"י בן מו"ה נתנאל פארקאש שליט"א - ג' שופטים תשפ"ג







סעודת ברית פון אן אייניקל ביים ראש ישיבה הילד יחזקאל נ"י בן מו"ה נתנאל פארקאש שליט"א







דער ראש ישיבה באזוכט די קינדער אין קעמפ מיט'ן
מנהל פון די מוסדות היכל הקודש אין ארץ ישראל מו"ה
יצחק פאפענהיים הי"ו - ג' שופטים תשפ"ג













שחרית מיט די קינדער אין מחנה אילן החיים - ה'
שופטים, ראש חודש אלול תשפ"ג





תלמוד תורה היכל הקודש בני ברק





יום כיפור קטן און מעמד קביעת מזוזה ביים נייעם תלמוד תורה היכל הקודש אין שטאט בני ברק - ד' שופטים



מו"ה אבא חייא רייזמאן הי"ו מלמד



מו"ה יואל לעווי הי"ו פאנדרעיזער



מו"ה משה רעכניצר הי"ו גבאי



קרעדיט: אייזיק ראטה



קרעדיט: אייזיק ראטה

שחרית מיט די קינדער אין מחנה אילן החיים - ה' שופטים, ראש חודש אלול תשפ"ג



קרעדיט: אליעזר שמן



קרעדיט: אליעזר שמן

סיום הש"ס פון הילד אלי' נ"י בן מו"ה בנציון לאנדא הי"ו ד' שופטים תשפ"ג







**שיעור ליל ששי פרשת שופטים תשפ״ג**







**די קינדער פון תלמוד תורה קרית ברסלב פארברענגען געשמאק ביי טאנץ מיט אמונה פארק**







**סיום הש״ס פון הילד נחמן נתן נ״י בן מו״ה יעקב האלפערן הי״ו - מוצאי שבת שופטים**




**יוכ כיפור קטן אין היכל הקודש צפת מיט ישיבת היכל הקודש ירושלים**




**ביים רעקארדירן פארן סידי ״א מופת בין איך״**



# IN AN ACCIDENT?

## CALL THE EXPERT

mint COLLISION

Accidents can happen,
Our professional & caring staff will handle the entire process.

- 24-Hour Towing
- Full Car Repair
- Rental Replacement
- Trusted by all major insurance companies



For Upstate Customers;
We pickup & deliver all year round.

אייער פריינט ארי' לייב פעקעטע

347-742-7778

mintcollision@gmail.com

בשורה טובה ומשמחת!

שוין יעצט דא צו באקומען

# אפגעשיקט יעדע וואך צו אייער טיר אויף פאסט

די שטארק אויפגעכאפטע

**וועכנטליכע קונטרס**

# עצתו אמונה

**הערליכע בריוו, שאלות ותשובות**

אין אלע אקטועלע נושאים אין טאג טעגליכן לעבן

געשריבן דורך

הרה"ג **ראש ישיבת תפארת התורה ברסלב** שליט"א

## קרן הדפסה היכל הקודש

רופט אדער טעקסט

718.387.2691

אדער שיקט אן אימעיל צו:

subscribe@kerenhadfusa.org

מען קען פרעגן שאלות פונעם ראש ישיבה שליט"א דורך:

https://breslevcenter.com/answers

ווי אויך קען מען באקומען דעם טעגליכן בריוו אויף טעלעפאן מעסעדזשינג:

347.286.8081

היכל הקודש

מכון עצתו אמונה

הוצאת ספרי רבינו זכותו יגן עלינו



Free Delivery with minimum order
END OF SUMMER
SALE
פון פרייטאג כי תצא ביז זונטאג כי תבא
15%
STOREWIDE
קרית ברסלב
ספרים
& judaica
שיקט אונז א מעסעדש און באקומט אייער
ארדער דעליווערד צום טיר אין די קעטסקילס
347.578.4449
51 Twin Bridge Rd. Liberty N.Y. 12754 left side entrance
אפען טעגליך
9:00 צופרי ביז 12:00 ביינאכט
פרייטאג
9:00 צופרי ביז א האלבע שעה
פארן זמן
מוצאי שבת
א האלבע שעה נאכן זמן -ביז 1:00